STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02394

DER ARBETER-DEKLAMATOR

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער
ארבעטער־רעקלאמאר

צוזאמענגעשטעלט
דורך ש. לעווי

פערלאג א. גיטלין, ווארשע

DRUK. SIKORA i MYLNER WARSZAWA, NOWOLIPKI 6.

ן מיין נישט ייט 5
דריי נייטאַר־נס 6
דאָס געבעט „ 8
ביי דעם פרעמדען חופּה-קלייד 9
עווסקי: אין קאַמף „ 26
„ צוקונפט „ 28
„ די דריי שוועסטער „ 29
„ עס רירט זיך „ 30
„ דאָס ליד פון לוין=שקלאַף 32
„ אַ חודש אָהן אַרבעט „ 35
„ דער פרייהייטסגייסט „ 37
„ די שקלאַפען-געדולד „ 38
„ די מאַרסעלעזיע „ 40
„ אַ וואָרט צו די אַרבעטער 41
„ אַ בעזים און אַ קער „ 44
„ עס קומט די גאולה „ 46
„ עס זעהט זיך לאַנד „ 47
„ די רויטע פאָנע „ 48
„ אויף אונזערע קברים „ 49
„ דאָס ליד פון העמד „ 51
„ אין רעגען, אין ווינט און אין קעלט „ 54
פעלי: מיר זענען פרייהייטס-סאָלדאַטען „ 55
„ מיין רוה-פּלאַץ „ 57
„ אַ מאַשין „ 57
„ מיין יינגעלע „ 59
„ די איינשווערונג „ 61
„ דער בלייכער אַפּרייטער „ 65
„ אַ טרער אויפ'ן אייזן „ 66
„ פערצווייפלונג „ 67
„ אין שאַפּ און אין דער היים 69
„ דער טרערן-מיליאָנער „ 69
„ וואָס איז די וועלט „ 71
„ וואוהין „ 73
„ די נאַכטיגאַל צום אַרבעטער 74
„ דאָס ליד פון מאַשינען „ 75
„ דער אַלטער שניידער „ 77
„ מיט מיין קינד „ 78
„ די פאַרפירטע „ 79
„ פאַרצווייפלטע קולות „ 82
„ דער לייב „ 83
„ איך שטרייק „ 84
„ די העלט-פאַרשלינגער „ 85
„ דער ברעדלי מאַרטין באַל 86
„ אין טרוים „ 89
„ אַ נבואה „ 90
שמעט: אַרבעטער-פרויען „ 92
„ נאַטור און מענטש „ 94
„ וואַכט-אויף „ 96
„ צו די געגאַסען „ 97
„ דער אידישער פּראָלעטאַריער 99
„ די שבועה „ 101
„ אין קאַמף „ 102
„ דער אונט-גלאָק „ 104
„ מיין צוואה „ 105
„ די פרייהייטסגעטין „ 106
„ מיין לעצטע האָפנונג „ 108
„ מיין טרוים „ 110
„ דער וועקער „ 121
„ פאָרווערטס „ 114
„ אויף אַ באַל „ 115
„ זינגט מיט לוסט „ 117
„ עלנט „ 120
„ מיין פריילינגס ליד „ 121
„ איך קען די שווערד איך בין
„ דער פלאַם „ 123
„ דער פאַל פון באַסטיליע „ 124
„ דער אַרבעטער „ 126
„ דער רויטער זעגל „ 129
„ צוויי ריכטער „ 130
„ עס טאָגט „ 133
„ די טאָגפראַגע „ 134
„ די הונגעריגע און די זאַטע 136
„ צום אַרבעטער „ 137
„ צו אַ פריינט „ 138
„ אונזער פרייהייט „ 139
א. רייזען: די קירכנגלאָקען „ 140
„ מיר ברעכען „ 141
„ הוליעט, הוליעט „ 142
„ דאָס נייע ליד „ 143
„ דער שוסטער „ 144
„ דער נאַכט-וועכטער „ 145
„ אָרים לעבין „ 146
„ דער מענטש „ 147
„ אַ געזינד זאַלבעאַכט „ 148
„ כ'וויס אַ הויז „ 149
„ וואָס שטייט אונז נאָך פאָר „ 150
„ דער אָדלער „ 151
„ שטימען „ 152
„ אויף אַ זעהונג (אין טורמע) „ 154
„ שטורם „ 155
ח. ד נאָמבערג: אַ וויג ליד „ 156
י באָושאָווער: די דומהייט „ 157
אַן אַרבייטער: אַ ווינטער ליד „ 159
מ. גאָלדשטיין: די פאַבריק „ 160
„ דאָס איז געוועזען אין שטוב אַ לעבען „ 161
„ נאָך דער אַרבייט „ 162
„ אין פאַבריק „ 163
„ מיר דאַכט זיך „ 165
„ דאָס יינגל „ 165
„ דו קאָנסט די לייט „ 166
„ פריילינג „ 167
„ די שטאָט „ 168
„ פאַרלאָרענע מענטשן „ 169
„ קאָן איך לעבען „ 170
„ צו די דריקער „ 171
„ אַ פאַבריק-לידעל „ 172
„ איך זעה די ווייטע וועלט נישט אָן זייטע 173
„ מיידעלע דו מיידעלע „ 174
ש. הורוויץ: זשאַמעלע „ 177
„ איינג און פינסטער „ 178
„ די נייטערקעס „ 179
ד. רצקאָווע־: עס וואַרט נאָך גליק „ 183
„ אין פעלד „ 184
עלבאַ: ג׳וג״ן שונא „ 185
„ דער לעטישער אַרבייטער מאַרש „ 186
„ די שבועה „ 188
„ דער אינטערנאַציאָנאַל „ 89

י. ל. פּרץ.

מיין נישט...

מיין נישט, די וועלט איז אַ קרעטשמע באַשאַפן:
צו מאַכן אַ וועג זיך מיט פויסטן און נעגל
צום שענק-פּאַס, און פרעסן און זויפן, ווען אַנדערע
קוקן פון ווייטן מיט גלעזערנע אויגן,
פאַרחלשט און שלינגען דאָס שפּייעכטס און ציען
צוזאַמען דעם מאָגן, וואָס וואַרפט זיך אין קרעמפּן—
אָ, מיין נישט, די וועלט איז אַ קרעטשמע!

מיין נישט, די וועלט איז אַ בערזע באַשאַפן:
דער שטאַרקער זאָל האַנדלען מיט מידע און שוואַכע,
זאָל קויפן ביי אָרימע מיידלאַך די בושה,
ביי פרויען די מילך פון די בריסטן, ביי מענער—
דעם מאַרך פון די ביינער, ביי קינדער דעם שמייכעל,
דעם זעלטענעם גאַסט אויפן וואַקסענעם פּנים— —
אָ, מיין נישט, די וועלט איז אַ בערזע!

מיין נישט, די וועלט איז אַ הפקר באַשאַפן:
פאַר וועלף און פאַר פוקסן, פאַר רויב און פאַר שווינדל.
דער הימל—אַ פאָרהאַנג, אַז גאָט זאָל נישט זעהן!
דער נעבעל—מען זאָל אויף די הענט דיר נישט קוקן;
דער ווינד—צו פערשטיקן די ווילדע געשרייען;

די ערד—איינצוזאַפּן דאָס בלוט פון קרבנות—
אָ, מיין נישט, די וועלט איז אַ הפקר!

די וועלט איז קיין קרעטשמע, קיין בערזע, קיין הפקר!
געמאָסטן ווערט אַלעס, געוואויגן ווערט אַלעס!
קיין טרער און קיין בלוטיגע טראָפּן פאַרגייען!
אומזיסט ווערט קיין פונק און קיין אויג נישט פאַרלאָשן!
און טרערן ווערן טייכן, פון טייכן ווערן ימים,
און ימים—אַ מבול, פון פונקען—אַ דונער,—
אָ, מיין נישט, לית דין ולית דין!..

דריי נייטאָרינס.

די אויגן רויט, די ליפּן בלאָ,
קיין טראָפּן בלוט אין באַק נישטאָ.
דער שטערן בלאַס, באַדעקט מיט שוייס,
דער אָטעם אָפּגעהאַקט און הייס —
עס זיצן דריי מיידלאַך און נייען!

. . . .

די נאָדל—בלאַנק, דאָס לייוונד—שניי
און איינע טראַכט: איך ניי און ניי,
איך ניי בייטאָג, איך ניי ביינאַכט,
קיין חופה קלייד זיך נישט געמאַכט!
וואָס קומט-אַרויס—איך ניי?

נישט איך שלאָף און נישט איך עס...

איך וואָלט געגעגען אויף מאיר בעל-נס ;
אפשר וואָלט ער זיך געמיהט :
אַנ׳אַלמן, כאָטש אַנ׳אַלטן ייד
מיט קינדערלאַך אַ שאָק!

. . . .

די צווייטע טראַכט איך ניי און שטעפּ
און שטעפּ מיר אויס נאָר גרויע צעפּ !
דער קאָפּ—דער ברענט, די שלייף—זי האַקט,
און די מאַשין—זי קלאַפּט צום טאַקט—
טאַ-טאַ, טאַ-טאַ, טאַ-טאַ !

איך פאַרשטיי דאָך יענעמס ווינק :
אָהן אַ חופּה, אָהן אַ רינג,
וואָלט געוועזן אַ שפּיל, אַ טאַנץ,
אַ ליבע אויף אַ יאָר אַ גאַנץ—
נאָר דערנאָך, דערנאָך ?

. . . .

די דריטע שפּייט מיט בלוט און זינט :
איך ניי מיך קראַנק, איך ניי מיך בלינד,
עס צוויקט די ברוסט ביי יעדן שטאָך
און ער האָט חתונה די וואָך—
איך ווינש אים נישט קיין שלעכטס!

עס, פערגעסן וואָס אַמאָל...
תכריכים וועט מיר געבן קהל,
אויך אַ קליינטשיק פּיצל ערד,
איך וועל רוען, אומגעשטערט,
איך וועל שלאָפן, שלאָפן!...

דאָס געבעט.

רבונו-של-עולם!
נאָך ווייניג געליטן?
ווען וועסטו, רבונו-
של-עולם, פאַרשיטן

דעם אָבגרונט דעם טיפן,
וואָס טיילט דיינע קינדער
אויף שטאַרקע און שוואַכע,
אויף לעמער און שינדער?

און ברייט איז דער אָבגרונט,
און טיף ווי אַ תהום,
און זאַפט אין זיך איין
אונזער בלוט, ווי אַ שוואָם!..

עס ציטערט פון דאָרטן
דער ווייטאָגס-געוויין,
דאָרט ליגט די נקמה
און קריצט מיט די ציין...

דאָרט ליגט די פאַרצווייפלונג,
דערשראָקן, פערבליפט,
מיט ליפּן, ווי קוילען
ביים בעכער פון, גיפט...

רבונו-של-עולם!
נאָך ווייניג געליטן?
ווען וועסטו דעם שרעקליכע
אָבגרונט פאַרשיטן?

עס ווערן אין אָבגרונט,
וואו ס'מעסער נאָר בליצט,
מיט בלוט אויף די ריינסטע
אידען באַשפריצט...

דאָרט ברעכן די פליגל
די אָדלער די גרעסטע,
דאָרט ווערן פאַרשטיינערט
די הערצער די בעסטע...

רבונו-של-עולם!
צי שפּראָצט דען דיין לויב
אין פוילן, אין פינסטערן
בלוטיגן שטויב?

ביי דעם פרעמדן הופּה־קלייד.

(אַ סצענע פון וואַרשעווער לעבן).

אין אַ מאָדע-מאַגאַזין.

פּערזאָנען: { מאַדאַם, צוויי מאָדיסטקעס
און האַנט־מיידלאַך.

מאַדאַם:

היינט ווערט געשטעפּט און גענייט,
היינט וועט מען ליידיג נישט זיצן!

טורײ—טורײ—טורײ!
זעהט נאָר די גאַנז, די שפּיצן!
זעהט, װי דאָס זײדנס װעט בליצן!

אַ שלעפּע װעט זײן גאָר אַ מורא!
אַודאי צען אײלן די שלעפּ!
הײנט נאָך—ברילױאַנטענע קנעפּ!
זעהט—מען געטרויט אַזאַ סחורה!

האַנט-מײדלאַך (כאָר):
אָט האָט איהר אַ װאונדער,
כּלעבען, קײן שפּאַס:
צי הײסט דען נישט „פּאַװע”—
יאָ, פּאַװע—די גאַס.

װאו ס'שטײט זיך אַ מויער
גאַנץ געלבלאַך און בלײך,
דאָך פּעסט, װי אַ פעלזן,
דרײ שטאָק אינדערהײך!

די פענסטער—אין אײזן,
די טויערן פאַרמאַכט...
עס גײט נאָך אַ זעלנער
אַרום אויף דער װאַכט!

אוי! דאָרטן צו װאוינען
איז טרויעריג און באַנג!
עס שלאָגט דורך די מויערן
דאָס קײטן-געקלאַנג...

עס קלינגט אַזוי טרויעריג:
דין-דאָן און דין-דאָם!

אָ, רירט נישט דאָס זיידנס,
נישט טשעפּעט, מאַדאַם!

די ערשטע מאָדיסטקע:
סאַטען-דע-ליאָן... און די שפּיצן, די גאַזן,
עס פעלט נאָך בריליאַנטען צום רומל...
דיוואַנען און בלומען, און לאָמפּן... די כּלה
וועט אויסזעהן—אַ מלאך פון הימל!

האַנט-מיידלאַך (כאָר):
נישט קיין גראָשן פאַר דער דירה,
און אין מויל קיין ביסן.
כ׳וויל ביים מלאך פאָרשוס בעטן:
ניין, זי וויל נישט וויסן.

מלאך, גיב פאָרויס אַ רובל!
ניין, זי גיט נישט פריער!
כ׳וויל פאַרציילען איר פון הונגער,—
ווייזט זי מיר די טיר!

אוי, עס זעצט מיר אין די שלייפן,
דאַכט זיך מיר, אָט פאַל איך,
„נאָר אָהן קונצן, נאָר אָהן פאָקסן״,—
לאַכט מיך אויס דער מלאך!

. . . .

אוי, מיך האָט דעם מלאכס לאַכן
ביז אַהיים געהעצט!
און איך האָב דעם מלאכס זיידנס
אויף אַ ברויט פאַרזעצט!

און עס איז אַראָפּגעפאַלן
פּלוצלונג ווי פון הימל,

אוי, דער מלאָך מיט אַ לאַפּאַץ,
טאַקי ווי צום רומל!

און מיך האָט פאַרזאָרגט דער מלאָך
אויף די גרויסע פּרעסט,
אוי, אויף גאַנצע דריי חדשים
מיט קוואַרטיר און קעסט.

די צווייטע מאָדיסטקע:
בלאַס איז דאָס זיידנצייג, פּונקט ווי מיין פּנימל,
דורזיכטיג-דין, ווי מיין הויט...
רירט מען עס, קרעכצעט עס „אוי!” פּונקט מיינע ביינדעלאַך—
דאָס הייסט אַ גליקליכע מויד!

היינט וועלן קומען ברילִיאַנטענע קנעפּעלאַך,
גרויסע, ווי אָרימע טרערן!
נו, אַייל דיך, רעדעלע, אַייל דיך, טרעקאָטשע,
כ'זאָל מיינע ביינדלאַך נישט הערן!

טראַך-טראַך-טראַך, ביינדעלע! טור-טור-טור, רעדעלע,
שלאָג מיך דאָך גלייך מיטן זייגער...
טראַך-טראַך-טראַך, ביינדעלע! טור-טור-טור, רעדעלע!
ווען וועל'מיר רוען, אַ שטייגער?

האַנט-מיידלעך (כאָר):
עס איז פאַראַן אַ שטיבעלע
אויף אַ שטילער גאַס!
ס'האָט קיין טיר, קיין פענסטערל—
אייביג שטיל און נאַס!

כאָטש מען צאָלט קיין דירה-געלד,
וואַרפט מען נישט אַרויס!
דאָרטן רוען אויף אייביג שוין

די ביינדעלאך זין אויס!

פון קיין טשעפען ווייס מען נישט,
עס ווערט שוין נישט געגייט.
צום שטיבעלע קומט איטלאכער
אויף אייביג שוין באקליידט!

די צווייטע מאדיסטקע:
שטעפ, גאדל, שטעפ די בראבאנדערנע שפיצן—
פאר איר, פאר איר!
תכריכימלאך וועסטו נאך גיך און באלד שטעפן—
פאר מיר, פאר מיר!

עס בליצן בריליאנטן, עס שמייכלעלט די כלהשי—
שיין אזוי, ליב!
ווען וועט א שמייכל מיין פנים באשיינען?
אין גריב, אין גריב!

ער וועט זי טוליען, צוקנייטשן די שפיצן
אין הארציגן שטורם!
ווער וועט מיך טוליען, צוקנייטשן די שפיצן—
א ווארם, א ווארם!

„לוסטיג-לעבן" (א יונג האנט-מיידעל):
וואס פארסמט איהר מיר דאס לעבן?
זינגט נישט אזוי שרעקלאך!
כ'האב קיין סאמעט און קיין אטלאס—
נאר די רויטע בעקלאך!

כ'האב קיין שפיצן, קיין בריליאנטן,
ווייס איך, וואס זיי טויגן!
כ'האב א האלז, איין אלעבאסטער,
צווי בריליאנטן—אויגן!

כ'דאַרף קיין פערל, זעהט די ציינדלאַך,
אָך—ווי זיי געפעלן!
און די יונגע, פרישע ליפּלאַך
זיינען מיינע קרעלן!

פעלט מיר גאָלד דען? זעהט די לאָקן!
און וואָס גליק איז—ווייס איך!
לאָזט מיך לאַכן, לאָזט מיך לעבן
„לוסטיג-לעבן" הייס איך!

האַנט-מיידלאַך (איסער לוסטיג-לעבן):
אויף יעדער גאַס, אין יעדן הויז,
שטייט אַ קאַסטן מיסט!
קלויבן לאָזט מען פראַנק און פריי
שמאַטעס גאָר אומזיסט!

און—ווערט „לוסטיג-לעבן" אַלט,
ווייסט איר, וואָס איר גליסט?!
מאַכט אַ שטעקעלע זיך פיין,
גראַבלט זיך אין מיסט!

די ערשטע מאָדיסטקע:
יונגערהייט אַ העזעלע,
געשפרונגען און געקושט;
צונד האָט עס קיין נעזעלע
און קיין גומען נישט!

די צווייטע מאָדיסטקע:
זי וועט זיצן צווישן בלומען
אויף אַ דיוואַן—רייך!
און מיר מאַכט אויף דר'ערד אַ ביסל
שטרוי נאָר גלייך!

זי דאַרף שפּיגלען, זשיראַנדאָלן,
לאָמפּן אַלערליי;
מיר צוקאָפּנס—גראָשנדיגע
ליכטלעך צוויי!

אָהן מוזיק אויף פּירט מיך לייגען,
ווען אויך היינט ביינאַכט,
ווילט איהר דוקא—ווײנט אַ ביסל,
ווילט איהר—לאַכט!

מאַדאַם:

שטילער, שטילער, שטילער,
שטיל אַן אויגנבליק!
טוריי—טוריי—טוריי!
אָט, דאָס הייסט מוזיק!

וואָס האָט איר פון די לידער?
דריקעניש נישט מער!
עס ציטערן די ברעמען,
אָט, אָט, פאַלט אַ טרער...

און אַז טרערן פאַלן,
פון דער שווערער נויט,—
אויף די ווייסע קליידער,
ווערט אַ פלעק אויף טויט.

טוריי—טוריי—טוריי!
אָט, דאָס הייסט מוזיק—
האָט איהר נישט קיין אייגנס,
זינגט פון פרעמדן גליק!

אַליע (פאַר):

עס איז געווען אַ מיידעלע,
אַ מיידעלע, אַ פּראַכט,

עסן עסט עס יעדן טאָג,
שלאָפט זיך יעדע נאַכט!

ליבלאַך האָט זי רויטינקע,
רויטינקע, וואָס נישט?
נאָך נישט קיין צוביסענע,
נאָך נישט אויסגעקישט.

און זי האַלט דאָס קעפּעלע
חנעוודיג און שמאָליך! —
זאָרגט עס אויף אַ ברייטעלע,
קוילען אָדער האָליך?

און אייגעלאַך — פערחלומטע,
בלומעלאַך געננוי!
בלומעלאַך, און כלה-חן
ליגט אויף זיי, ווי טוי!

צונד נייען מיר דעם מיידעלע —
צו מזל און צו גליק
אַ זיידן חופּה-קליידעלע,
אַ קליידעלע אַ שיק!

מען וועט איר געבן אַ מאַנעלע,
אַי, דעם יונגן בלוט...
אַי — אַי — אַי! דעם מאַנעלע
קאָנען מיר דאָך גוט!

מאַדאַם:

אוי, נאַרישע קנאה!
איך קען דיך פון לאַנג,

איך קען אויך דיין צינגל—
דו גיפטיגע שלאַנג!

אוי, נאַרישע קנאָה!
די גאַל איז דיין האַרץ—
גאָלד וואָס איז? בלאָטע!
דער שגיי איז דיר שוואַרץ!

די זון האָט דאָך פלעקן,
די שטערן—צו קליין!
מיינט: זי פרעסט יענעם,
און פרעסט זיך אַליין!

אַלע (כאָר):
עס איז געווען אַ מאַמעלע,
אַ מאַמעלע, אַ פיינס!
זי האָט געהאַט אַ טעכטערל,
אַ טעכטערל אַ קליינס!

און עס האָט דאָס מאַמעלע
דאָס טעכטערל געקישט,
געקישט, געהאַלזט, געוואָרענט עס:
זיי קיין נאַשער נישט!

קוק נישט אויף קיין איינגעמאַכטס,
די אויגן האַלט פערגלייסט!
טו נור וואָס דער טאַטע וויל
און וואָס די מאַמע הייסט!

און וואָס גוטע, פרומע לייט
עס ראָטן דיך, מיין קינד!
זעהסטו נאַשן, קוק אַוועק!
בעסער—מאַך דיך בלינד!

זאָגט מען, חס-ושלום, דיר:
„איינגעמאַכטס איז זיס!",
זאָלסטו ווערן פייער-פלאַם,
טופּען מיט די פיס!

פאַר דאָס וועל איך שפּעטער דיר
קויפן אויפן מאַרק,
אם ירצה השם, אַ ניסעלע,
ווייס, איך בין נישט קאַרג!

פאַר אַ גאַנצן גראָשן געלט—
אַ ניסעלע פון גאָלד,
פאַר דיר אַליין אַ ניסעלע,
וועסט עס האָבן האָלט!

פאַר אַ גאַנצן גראָשן געלט
אַ נוס פאַר דיר אַליין...
און דו וועסט עס קושן פריי
און קנאַקן מיט די ציין.

און עס פאָלגט דאָס טעלטערל,
וואָס טאַטע-מאַמע הייסט,
און זי האַלט אַ גאַנצן טאָג
די אייגעלאַך פאַרגלייסט,

רויטעלט זיך, אַז איינגעמאַכטס—
זאָגט מען איהר—איז זיס,
כ'צאַפּעלט איר דאָס הערצעלע—
זי טופּעט מיט די פיס!

עס קומט די צייט, דאָס מאַמעלע
האַלט איהר וואָרט, נישט קאַרג!
פאַר אַ גאַנצן גראָשן געלט
קויפט זי איר אין מאַרק

אַ פֿאַרגאָלדעט ניסעלע,
אַי, ס׳איז מלא חן!
מיט ציטערדיגע הענטעלאַך
כאַפּט ז׳עס אויף די ציין!

כאַפּט עס אויף די ציין און קנאַקט—
אָי! די נוס איז פֿויל,
עס שפּייט און שפּייט דאָס ווייבעלע—
טאַבאַק פֿול אין מויל!

—מאַמע, וויינט דאָס טעכטערל,
דאָס יאָדערל וואו איז?
„מצַמצשי״ און „מאַמע-קרוין,״
איז דאָס דער טעם פֿון ניס?—

דאָס האַרץ טוט ווי דעם מאַמעלע:
דאָס פּנים מאַכט זי גלאַט:—
„עס איז אַזוי—דיין מאַמעלע
האָט אויך אַזוינס געהאַט!״

מאַדאַם:
נישט דאָרט איז גליק, וואו צירונג בליצט,
וואו איידלשטיין מיט פֿונקען שנור צט,
נישט אַלץ איז גאָלד, וואָס גלאַנקט און גלאַנצט
נישט דאָס איז פֿרייד, וואָס לאַכט און טאַנצט.

עס מיידט גאַנץ אָפּט דאָס גאָלדענע בעט
דער שלאָף: דעם גרויסן זאַל—די זעט.
ווי אויך דאָס גליק דעם זאַק מיט געלט,—
דאָס ווייסט שוין לאַנג די גאַנצע וועלט!

די ערשטע מאָדיסטקע:
אַמאָל איז געווען, נאָר וואו? מן הסתם

דאָרט ערגעץ אין בויבערג, אויף יענער זייט ים!
גאָר—צי איז געוועזן? איר פרעגט נאָך, איר קלערט?
איך האָב עס אַליין פון מיין באָבען געהערט!

די מאַמע איז געשטאָרבן—דער טאַטע ז'אַוועק,
די טרויריגע ווינטער-נאַכט האָט גאָר קיין עק!
די פענסטער—פאַרקאָוועט, די טיר איז פאַרשנייט,
און ס'רייסט זיך דער ווינט ווי אַ הונט אויף דער קייט!

הורורו—הורורו—וואָיעט און קלאָגט,
דאָס האַרץ איז דערשראָקן, עס ציטערט, עס נאָגט...
„באָבע!" זי הערט נישט, נאָר „דיאַם-דיאַם-דיאַם!"
די טויבע פערציילט מיר פון יענער זייט ים!

אַלע (כאָר):

געננוג שוין הקדמות,
נישט פלוידער, נישט קוועל:
פאַרגעס אין דער באָבען,
די מעשה פאַרצייל!

די צווייטע מאָדיסטקע:

אויף יענער זייט ים איז געשטאַנען אַמאָל
אויף הינערנע פיסלאַך אַ הייזל אין טאָל,
געשטאַנען זיך פראָסט, אָהן עזות, אָהן שטאָלץ,
אָהן פוצעכץ, אָהן צירונג—פון ליים און פון האָלץ.

אַ פענסטער אַ קליינטשיקס, נאָר חנעוודיג-האָלט,
די זון, זי בעשיט עס טאָג-טעגלאַך מיט גאָלד!
לבנה און שטערן
פאַרהאַלטן זיך גערן
און מאָלן מיט זילבער די שויבן!

דאָס האָט דער הימעל די ליבע בעװינט!
עס האָבן אין הייזל צװיי ברידער געװאױנט!
עס האַלטן צװיי הערצער צוזאַמען געטריי
שװער איז די אַרבעט, נאָר ס'אַרבעט זיך פריי!
װייס איז דאָס מעבעל, מיט קלייען דאָס ברויט,
נאָר אַלץ איז בשותּפות—די פרייד און די נויט!
עס האָט זיך געלעבט,
די צייט האָט געװעבט
איר לאַנגען, איר כּשרן פאָדעם

נאָר איינמאָל בעװײַזט זיך אַ גאַסט אויף דער שװעל
פול גינגאָלד, שמאַראַגדן, עס פינקעלט זיין פעל!
די שלאַנג איז געקומען מיט גלאַנץ און מיט פראַכט
דער עלטערער ברודער דערזעהט זי און טראַכט:
עס איז אויף דער װעלט דאָך עשירות פאַראַן:
װען איך האָב אַ שמאַראַגד, איך, אָרימער מאַן?
כ'פאַרקויף אים, װאָס ניט?
כ'װאָלט אויפן יריד
געקויפט מיר צו מעלקן אַ קו!

די שלאַנגען—זיי װייסן, װאָס ס'טראַכט זיך ביי לייט,
זי װינקט אים און רופט אים אַװעק אין אַ זייט,
און זאָגט אים, אַי, ברודער, װאָלסט דו נאָר געװאָלט,
װאָלסט דו געהאַט שוין פול פעסער מיט גאָלד,
קרעלן, דיאַמאַנטן, בריליאַנטן אַ װעלט.
און אַלץ, װאָס מען קאָן גאָר בעקומען פאַר געלט!
איך מאַך נישט קיין שפּאָס,
איך װייס שוין דעם סוד,
איך קאָן דיר אים זאָגן אין װאַלד!

די שלאַנג איז אַוועק און דער יונגערער קלערט:
ווי גאָט האָט זיך יעדן זיין שיינקייט באַשערט.
גיי פרעג׳ן: דער גלאַנץ און די שיינקייט וואָס טויג?
ביים עלטערן פלאַמט שוין די תאוה אין אויג:
קרעלן, דיאַמאַנט׳, בריליאַנטן—אָך,גאָט!
זי זאָל נאָר נישט נאַרן און זאָגן דעם סוד
ער קוקט אויפן וואַלד,
און גנבעט זיך באַלד
פון ברודער אַרויס צו דער שלאַנג!

די זון גייט שוין אונטער. פאַרגאָלדט נאָך די זוים
פון וואָלקן אין הימעל: און אונטער אַ בוים
זיצן שוין ביידע—דער מענש און די שלאַנג:
זיי זיצן צוזאַמען און שמועסן שוין לאַנג.
ער ציטערט און וויס נישט—פאַר פרייד, צי פאַר שרעק-
זי וויקעלט דאָס האַרץ אים אַרום מיטן עק,
און רייד פון דיאַמאַנטן,
קרעלן בריליאַנטן,
„אַלץ וועסטו האָבן גאָר גרינג!"

„באַטראַכט נאָר דיין ברודער, דאָס איז אַ פאַבריק
פון קרעלן, בריליאַנטן, דיאַמאַנטן און גליק
עס טרעפט זיך, ער אַרבעט, און וואונדערליך הייס
ווערט אים, דער שטערן באַדעקט זיך מיט שווייס,
עס טריפן די טראָפּן... ער ווישט מיט דער האַנט:
לאָז נישט! דער טראָפּן—דאָס איז אַ דיאַמאַנט!
נאָר אַרבעטן הייס!
קלויב-אויף דעם שווייס!
שיטסט דו אָן פעסער דיאַמאַנטן!"

„עס טרעפט און אים פאַלט פון די ברעמען אַ טרער;
דו שוטה, דו מיינסט, עס איז וואַסער, נישט מער,
און טרייסט׳ן, און האַלזט׳ן, דו האַלטסט עס נישט אויס,
און קושט אים די טרערן פון ד׳אויגן אַרויס!
פערשווענדסט דיין פערמעגן, דו נאַרישער קאָפּ.
לאָז וויינען, לאָז וויינען! און קלויב יעדן טראָפּ
אַ טראָפּ, האָב פאַרשטאַנד,
דאָס איז אַ בריליאַנט—
רייך וועסטו זיין, ווי אַ קעניג!"

„דערנאָך—האָט דיין ברודער אַן איידעלע פעל.
אַ שטאָך מיט אַ נאָדל—דו האָסט שוין אַ קרעל!
בלוט—זאָגסטו—איז עס, בלוט—זאָגסטו—אַ קאָפּ,
דו נאַר! עס איז קרעלן, דו צאַפּ נאָר און צאַ
זאָל ער נאָר בלוטן, און בלוטן נישט קאַרג!
אָנשיטן וועסטו שוין קרעלן אַ באַרג!
דו האָסט אַ פאַבריק,
און מאַך דיר דיין גליק,
ביזט שטאַרקער און ווייסט שוין דעם סוד!"

די ליפּן פאַרביסן, די פויסטן געבאַלט,
גייט שוין דער עלטערער ברודער פון וואַלד,
די אויגן, זיי ברענען און זיימן זיך שוואַרץ,
דאָך צאַפּעלט די ליבע צום ברודער אין האַרץ,
ער טרייסט זיך: „איך וועל דאָך נאָר מאַכן אַ פּריב,
אַ שטאָך וועל איך געבן, אַ קלייניעם, נישט טיף;
מיין ברודער? איך ווייס!
נאָר טרערן און שווייס,
„הערסטו דאָך, זייגען בריליאַנטען!"

עס הערט די לבנה נאָך די אייגענע נאַכט,
ווי ס׳האָט אינם שטיבעל געוויינט און געלאַכט,
עס קוקן די שטערן אין פענסטער אַריין:
ווי לאַכט עס אַ ברודער ביים ברודערס געוויין?!
די זון האָט צומאָרגענס געוואונדערט זיך שטאַרק:
ווי שלאָגט עס אַ ברודער דעם צווייטן אין קאַרק?
עס וואונדערט צוגלייך
דעם וואַלד און דעם טייך:
וואָס איז עס אין שטיבל געשעהן?

און עס איז געקומען אויף ביידע גאָטס שטראָף!
דאָס גליק איז פערשוואונדן, עס וויינט זיי דער שלאָף,
אַוועק איז די ליבע, דער פרידן אַוועק!—
דער שלאָפט נישט פאַר וויטאָג, דער צווייטער פאַר שרעק.
דער שרייט: ס׳איז מיין עשירות, מיין רייכטום, מיין גוט!
און יענער: ס׳איז טרערן, מיין שווייס און מיין בלוט!
דיאַם, דיאַם, דיאַם, דיאַם,
אויף יענער זייט ים
רייסט מען זיך שוין ביי די האָר!

אַלע (כאָר):

מען שלאָגט זיך, מען רייסט זיך,
טראַך—טראַך, טראַך—טראַך!—
נאָר וואָס איז געוועזן
דער סוף פון דער זאַך?
דער סוף פון די ברידער,
פון שרעקליכן הויז?
פאַרצייל שוין און צי נישט
די הערצער אַרויס!

די ערשטע מאָדיסטקע

אוי, סאיז געווען אַ שרעקליכע נאַכט.
איך ליג בײַ דער באָבען אין שויס און איך טראַכט:
„וואָס לייגט זיך דער שאָטן אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט?
וואָס רייסט זיך דער ווינט, ווי אַ הונט אויף דער קייט?
וואָס ברעכן די מויערן, וואָס רייסט זיך דער דאַך?
צי הער איך דער באָבען, צי בין איך נאָך וואַך?"

איך ליג בײַ דער באָבען אין שויס און איך טראַכט:
„צי זעה איך אין חלום די שרעקליכע נאַכט?
צי הער איך אַ מעשה? צי בין איך דען וואַך?
וואו ברעכן די מויערן? וואו רייסט זיך דער דאַך?
וואָס רייסט זיך דאָס הייזל אַוועק פון זיין אָרט?
הורורו—הורורו—דאָ אָדער דאָרט?"
שטענדיג געקלערט
און קיינמאָל געהערט
דעם סוף פון דער שרעקליכער זאַך!

אַלע, אויסער מאַדאַם:

דער וייגער שלאָגט! אוי, צענען שלאָגט,
געענדיגט שוין די מי!
אַהיים, ווער נאָר אַהיים פאַרמאָגט,
אַהיים ביז אינדערפרי!
אין בעט אַריין, אַ בעט ווער ס'האָט,
נאָר שלאָפן גייט, געדיינקט אָן גאָט!
שלאָפן דאַרף די נויט!
שלאָפן איז אַ פיין געשעפט,
מען רוט זיך אויס! און טיילמאָל טרעפט,
עס חלומט זיך—אַ ברויט!

אוי, צענען שלאָגט, צום עק די מי—
גוט-נאַכט, מאַדאַם—

מאַדאַם:
קומט מאָרגן פרי!

מ. אינטשעווסקי.

אין קאַמף.

וויקלט-פאַנאַנדער די פאָנען די רויטע,
שפּילט-אויף אַ מאַרש און דערלאַנגט זיך אַ ריר!
וועקט-אויף די אָרימע לעבעדיג-טויטע,
זאָגט צו זיי: ברידער, זעהט, דאָ שטייען מיר,
דאָרטן—דער בלוטיגער פיינט!

דאָ איז די פרייהייט, דאָס ליכט, די גערעכטיגקייט,
דאָרטן—דער יאָך און די נאַכט און די שלעכטיגקייט,
ברידער, מאַרשירט מיט אונז היינט!

ווישט-אויס פון אַרבעטער-אויגן די טרערן,
זאָגט זיי: צום וויינען איז איצט נישט קיין צייט,
לאָז היינט קיין קול פון געוויין זיך נישט הערן,
היינט, ווען מיר קומען אַרויס אויף אַ שטרייט,
מיר און דער בלוטיגער פיינט!

מיר,—וועלכע ווילן די מענשהייט פאַרברידערן,
ער—וועלכער וויל איר דורך שנאה צוגלידערן:
ברידער, מאַרשירט מיט אונז היינט!

וויקלט-פאַנאַנדער די פאָנען די רויטע,
וועקט די, וואָס שלומערן, זייענדיג שוואַך,
איינציגוויז נעמט זיי צונויף, די צושפּרייטע,
זאָגט זיי: אונז רופט היינט די הייליגע זאַך
גענען דעם בלוטיגן פיינט!

אונז, דעם המון פון באַדריקטע, דאָך מוטיגע,
גענען האַבונעס, פאַרווילדעטע, בלוטיגע,
ברידער, מאַרשירט מיט אונז היינט!

יידעלאַך, איר זענט ביי אַלע נאַציאָנען
גרים אין תושבים געוועזן צוגלייך,
זייט איצט ביי זיך אין די פרייהייטס-לעגיאָנען,
איצט, ווען עס שטייט גענען זיי, גענען אייך
דאָרטן דער בלוטיגער פיינט!

ער מיט די פאָלקן פון מערדער געדונגענע
גענען די שקלאַפן אין קייטן צושפּרונגענע,
וועלכע באַפרייען זיך היינט!

וויקלט-פאַנאַנדער די פאָנען די רויטע,
שפּילט אויף אַ מאַרש און דערלאַנגט זיך אַ הויב,
פאַלט פאַר די אויגן די העלדן די טויטע,
דענקט אָן די אָפּפער פון האַבזוכט און רויב
היינט גענען בלוטיגן פיינט!

גיט-אריין קראַפט אַלע בלייכע, צווזיגענע,
גיט-אַריין מוט אַלע טיף-איינגעבויגענע,
זאָגט זיי: מאַרשירט מיט אונז היינט!

די צוקונפט

אָ, די וועלט וועט ווערן יינגער,
און דאָס לעבן—לייכטער גרינגער,
יעדער קלאָגער וועט אַ זינגער
ווערן, ברידער, באַלד;

לאָז דאָס פאָלק נאָר ווערן קליגער
און פאַריאָגן דעם באַטריגער
אים, דעם פוקס, און אויך דעם טיגער
פון דעם שיינעם וואַלד.

אָ, די וועלט וועט ווערן שענער,
ליבע—גרעסער, שנאָה—קלענער,
צווישן פרויען, צווישן מענער,
צווישן לאַנד און לאַנד;

לאָז די גלייכהייט נאָר באַזיגן
פאַלשקייט, שופטעריי און ליגן,
לאָז דער מענטש נאָר, ענדליך, קריגן
מענטשליכן פאַרשטאַנד.

אָ, די וועלט וועט ווערן פרייער,
פרייער, שענער, יינגער, נייער,
און אין איר די וואָרהייט טייער
טייער, ווי אַ פריינט;

לאָז דער טוער זיך נאָר שטעלן
מוטיג געגען די, וואָס קוועלן

זיינע ברידער און געזעלן,—
מוטיג געגען פיינט!

אָ, די וועלט וועט ווערן דרייסטער,
און עס וועט נישט זיין אַ מייכטער—
נישט די קרוין אין נישט דער טייסטער
נישט דעם זעלנערס שווערד.

לאָז דאָס פאָלק זיך נאָר נישט באַנגען—
פריש אַ הויב זיך, צו דערלאַנגען
אין זיך נעמען,—נישט פאַרלאַנגען—
רעכטע אויף דער ערד.

מוטיג, ברודער, מוטיג, שוועסטער!
אָט דער קאַמף, דער לעצטער, גרעסטער,
רופט אייך פון די טוכלע נעסטער
אויפן פרייען פעלד!

אַלזאָ, מוטיג, אין די רייען,
אין די רייען, צו באַפרייען,
צו באַפרייען און באַנייען
אונזער אַלטע וועלט.

די דריי שוועסטער.

אין ענגלאַנד איז דאָ אַ שטאָט לעסטער.
אין לאָנדאָן איז דאָ אַזאַ סקווער,
אין סקווער שטייען טעגליך דריי שוועסטער,
די שוועסטער—זיי קען ווער-נישט-ווער.

די יינגסטע פּאַרקויפט דאָרטן בלומען,
די מיטעלסטע—בענדלאַך פון שיך
און שפּעט ביי דער נאַכט זעהט מען קומען
די עלטסטע, וואָס האַנדלט מיט זיך.

די איבריגע שוועסטער באַטראַכטן
די עלטערע שוועסטער אָן האַס,
דען אַלע דריי שוועסטער פאַראַכטן
די רוישיגע שטאָט און די גאַס...

דאָך שפּעט ביי דער נאַכט, ווען זיי קומען
צום נעסט, וואָס זיי רופן „אַהיים,"
באַנעצן זיי בענדלאַך און בלומען
מיט טרערן, וואָס פליסן געהיים...

עס רירט זיך.

הערט איר, קינדער, ווי עס רירט זיך,
ווי עס רירט זיך איבעראַל?
ווי דער אַרבעטסמאַן מושטירט זיך
צו דעם קאַמף מיט קאַפּיטאַל?—
צו דעם טויט-קאַמף מיטן שינדער,
דעם האַבון, דעם געלטטיראַן?
הערט איר, ווי עס רירט זיך, קינדער,
דער באַרויבטער אַרבעטסמאַן?

הערט איר, קינדער, ווי עס רירט זיך,
מערקט איר, אַז דער סוף קומט-אָן?

פאָרוועדטס, קינדער, עס מאַרשירט זיך
לוסטיג ביי דער רויטער פאָן!
פרייהייט איז דער הערצער-צינדער,
אָהן טרומייט און באַראַבאַן:
זיינע ברידער, זעהט איר קינדער
גייט באַפרייען דער אַרבעטסמאַן.

זעהט איר, קינדער, ווי עס וואַרפט זיך,
ציטערענדיג די גאָלדען-קאַלב?
דען זי הערט שוין, ווי עס שאַרפט זיך
אונזער חלף איר ענטהאַלב?
איר, די קאַלב, די געצן-רינדער
און די טומאה פון כנען,
וויל ער איצטער, ליבע קינדער,
אויסראָטן דער אַרבעטסמאַן.

דען ער בוקט זיך נישט פאַר געצן,
קניט פאַר אָבגעטער נישט מער,
וויל זיך מער נישט לאָזן העצן,
צו געברויכן זיין געווער
פאַר דעם נעץ פון זיינע שינדער
געגן יעדן פרייהייטס-מאַן;
אָ, ער קומט צום שכל, קינדער,
איבעראַל דער אַרבעטסמאַן.

איבעראַל פוןביידע זייטן—
פון אַנטלאַנטיק רירט ער זיך
ער וויל מער נישט לאָזן רייטן
זיינע בלוטזויגער אויף זיך;
ער וויל מער נישט, ווי אַ בלינדער

פערד, ביי זיי גיין אין געשפאַן—
ער וויל פריי זיין, ליבע קינדער,
זאָט זיין וויל דער אַרבעטסמאַן

קינדער, לאַנג גענוג גענאָסן
האָט דער רייכער אַלדאָס גוטס,
בלוט גענוג האָט ער פאַרגאָסן,—
אייער בלוט צוליב זיין נוץ.
קינדער, מאַרש! צום קאַמף געשווינטער!
טראָגט די רויטע פאָן פאַראַן,
איר זענט זיינע ברידער, קינדער,
און ער רופט, דער אַרבעטסמאַן.

זעהט איר, קינדער, ער וויל מאַכן
פון דער שקלאַפעריי אַן ענד,
וויל געניסן אַל די זאַכן,
וואָס עס מאַכן זיינע הענט.
קינדער, ער איז אַן ערפינדער,
ער האָט אויסגעטראַכט אַ פּלאַן,
ווי צו לעבן גליקליך, קינדער,
ער—דער פּראָסטער אַרבעטסמאַן.

דאָס ליד פון לוין-שקלאַף.

דער הימעל געהערט צום רבונו-של-עולם,
צום פּריץ געהערט נאָר די ערד,
די גבורה ליגט היינט אין אַן אייזערנעם גולם,—
אַ כח פון צענדליגער פערד,

די הייזער, די ברייזער, זיי זיינען נישט מיינע,
דעם ים האָט פאַרנומען די קרוין.
און אַלצדינג פאַרנעמען די איידעלע, פיינע,
געהובלטע הונדערט פאַרשוין.
מיין כח, מיין מח, מיין גוף, מיין נשמה
פאַרדינג איך, פאַרקויף איך דעם גביר.
איצט פרעגט איר, אין וואָס-זשע באַשטייט מיין נחמה,
וואָס בלייבט, דאַכט זיך, איבער פאַר מיר?

(כאָר):

דער פרייער גייסט, דער פרישער מוט;
די קאַמף-לוסט בלייבט מיר איבער
די קראַפט, וואָס שאַפט, און קעמפט און טוט,
און שרעקט זיך נישט פאַר רוט און קנוט,
דער מוט צום קריג,
דער נאָנטער זיג,
די צוקונפט בלייבט מיר איבער!

די וויסענשאַפט ליגט ביי אַ טוץ פּראָפעסאָרן,
די בילדונג—זי איז נישט מיין זאַך;
איך, אַרבעטער, ווער אָהן אַ לשון געבאָרן,
און שטאַרב מיר אַוועק אָהן אַ שפּראַך.
אַ ביסעלע „שול" וואַרפט מען צו מיר אַלס צדקה,
די רייכע, זיי האָבן אויף אַלץ אַ חזקה,
איך נעם עס און דאַנק זיי דערפאַר;
זיי שטאָפּן זיך—איך דאַר און קוואַר.
מיין קראַפט און מיין זאַפט און מיין לייב און מיין לעבן—
דאָס אַלץ איז נאָר מיינס אויף פּאַפּיר.
איך לעב נישט צו לעבן, איך לעב נאָר צו געבן,
אַלץ גיב איך, און וואָס בלייבט פאַר מיר?

(כאָר):

דער פרייער גייסט א. אַז. וו.

און ליטעראַטור קריג איך קנאַפּ-וואָס צו נאַשן,
די קונסט איז דעם גבירס מאָנאָפּאָל ;
זיי לופט אין די הייזער, דער ווײַן אין די פלאַשן,
די סאַמעט, די זיידנס, די וואָל,
זיין באַנקען די שראַנקען, אין זיי די מטבעות,
די אוצרות געהערן צו אים.
איך צאָל אייביג מס און איך זאָג נישט קיין דעות,
צו קלאָג נאָר באַנוץ איך מיין שטים.
מיין קינד, מיין געזונט מוז איך אָפּט פון מיר שיידן
צו דינען דעמדאָזיגן גביר ;
מיר גיט מען אַן אָנווייזונג אויפן גן-עדן,
דאָך וואָס בלייבט ביים לעבן פאַר מיר?

(כ אָ ר):

דער פרייער גייסט א. אַז.וו .

דער הימעל געהערט צום רבונו-של-עולם,
צום פריץ געהערט נאָר דאָס לאַנד ;
די קצינים פאַרמאָגן דעם אייזערנעם גולם,
איך דין דער מאַשין—בין איר האַנט.
די רעדער מיט לעדערנע רימענס און פאַסן,
געשניטן כמעט פון מיין הויט,
באַשאַפן אַן אייגענס פון מילי-מיליאַס
אין הייזער, וואָס איך האָב געבויט,
אין ריזן-פאַבריקן, וואָס יענע פאַרמאָגן,
געפינענדיג, וואָס איך פאַרליר,
און דאָך איז מיין ענטפער, ווען איר וועט מיך פרעגן,
אַ שטייגער: וואָס בלייבט דאָ פאַר מיר?

(כ אָ ר):

דער פרייער גייסט א. אַז. וו.

אַ חודש אָהן אַרבעט.

איך בעט נישט נדבות
פון וועגען זכות אָבות—
פאַרהאָרעווען וויל איך מיין ברויט;
נישט בעטלען, נישט שנאָרן,
צו קצינים נישט פאָרן,
נישט וואַרטן אויף רייכע לייטס טויט.

מיר פעלט די חריפות
אין שנאָרערשע חניפות,
די דריידלאַך, די קונציגע רייד:
די אויגן צו גלאַנצן
ביים טיש פון אַ קצין,
דערצו בין איך ווייניג געשיידט.

איך בעט נישט ביי קיינעם
אַ טיפל אַ שיינעם,
איך וויל קיין מורנו נישט זיין:
איך וויל אַ באַוואוסטער,
אַלס ערליכער שוסטער,
אַלס ערליכער שניידער נאָר זיין.

איך בעט נישט קיין שלישי,
קיין מפטיר, קיין ששי,
איך וויל נישט אין מזרח-וואַנט שטיין:

אויף נאַרישע גאַווה
בין איך קיין בעל-תּאווה—
מיין שטאָלץ איז מיין האנטווערק אַליין.

נאָר אַרבעטן וויל איך,
פאַרקויפן אייך ביליג
מיין פּראַצע, פון פּנים דעם שוויים.
נאָר קויפט עס געשווינטער,
מיין ווייב, מיינע קינדער—
אויף זיי דער רחמנות איז גרויס.

די נאָדל, דער הובל,
זיי שאַפן דעם רובל,
זיי שאַפן דעם שילינג, דעם פראַנק;
דער שניידער, דער סטאָליאַר,
ווען אויך נישט קיין פוילער,
פאַרהונגערט, ווען ער ווערט נאָר קראַנק.

איך בעט נישט נדבות
פון וועגן זכות-אָבות,
פאַרהאָרעווען וויל איך מיין ברויט;
פון אַרבעט נאָר רייד איך,
איך וויל נישט גיין ליידיג,
באַפרייט מיך דורך אַרבעט פון נויט.

דער פרייהייטסגייסט.

אין די גאַסן, צו די מאַסן
פון באַדריקטע פעלקער, ראַסן,
רופט דער פרייהייטסגייסט:
„איך ברייננ וואָפן—פאַר דעם שלאַפן,
איך באַפריי די אַרבעטסשקלאַפן
און איך מאַך זיי דרייסט.

„ליכט פאַרשפרייטן—רעכט פאַרברייטן,
קום איך און צוברעך די קייטן
פון דער טיראַניי;
די נאַציאָנען פון קאַנאָנען,
פון אַרמייען און פון שפיאָנען
קום איך מאַכן פריי.

„איך קום לערן—אַרבעט ערן,
ערן, אַכטן און באַגערן,
אַרבעט מיט אַ טאָלק;
גליק און פרידן,—אונגעשידן
צווישן היידן, קריסטן, יידן,
צווישן פאָלק און פאָלק.

„פרייד און שטרעבן—קום איך געבן,
לעבנס-לוסט און לוסט און לעבן
אלעמען צוגלייך;

מענטשנקינדער—ז'אָל ווי רינדער
נישט מער אומבויינגען אַ גרינדער
פון אַ מערדער-ריין.

„איך קום פרויען אָנפּאַרטרויען
יעדעס רעכט צו העלפן בויען
גלייכהייטס גרויסן טראָן;
גיב זיי רעכטע—אין די עכטע,
ברידערליכע און גערעכטע
אָרגאַניזאַציאָן.

„איך קום מעלדן—יענע העלדן,
וועלכע שמאַכטן אין די קעלטן
פון סיביר אַצינד,
אַז צוטראָגן—וועט אָסטראָגן
באַלד מיין שטורם—באַלד וועט שלאָגן
די באַפרייאונגסשטונד.״

די שקלאַפן-געדולט.

אָ, די געדולט, די פאַרפלוכטע געדולט,
די שקלאַפנגעדולט פון די אַרבעטערמאַסן!
זי נאָר אַליין, זי אַליין איז די שולד
דערפון, וואָס זיי קאָרמענען די, וואָס זיי האַסן.

זי, די געדולט האַלט געבונדן די הענט
פון מענער, וואָס קענען דער מענטשהייט פאַרשאַפן

פרידען און פרייד צווישן יעדע פיר ווענט,
אַן אייביגן פרידן געזיכערט אָהן וואָפן.

זי איז דער מויער פון יעדן אָסטראָג,
אין פעטערבורג, ווי אין פאַריז און אין בריסל;
זי איז דער טעקסט פון דעם טורמעניקס קלאָג,
זי איז דער שליסער, דער שלאָס און דער שליסל.

זי, די געדולט, גיט-איין מוט דעם דעספאָט
צו וואַרגן, צו שטיקן די איידעלסטע העלדן;
זי האַלט דעם טרעפל, וואָס פירט צום שאַפאָט,
פאַר זיי, וועלכע קומען די נייע צייט מעלדן.

זי איז די גרונטלאַגע, דער פונדאַמענט
פון מענטשן-פאַרניכטענדע ווערקצייג פאַבריקן;
זי אַליין שלייפט יעדן מאָרד-אינסטרומענט,
מיט וועלכן אַ ברודער זאָל ברידער דערשטיקן.

זי גיט טיראַנען אַ סצעפטער, אַ טראָן,
לאָזט פאָלגן די פעלקער און הערשן—די שררות,
זי—זי, די טאָכטער פון דער רעליגיאָן,
די מוטער פון קנעכטשאַפט, פון חושך און צרות.

זי, די געדולט, האָט אַליין אין דעם שולד,
וואָס מענטשן פאַרבלוטן און שטאַרבן געלאַסן;
זי, די געדולט, די פאַרפלוכטע געדולט—
די שקלאַפנגעדולט פון די אַרבעטערמאַסן.

די מארסעליעזע.

שטייט-אויף, איר אונטערדריקטע מאַסן,
און מאַכט פון שקלאַפעריי אַן ענד!
לאָזט נישט מער קיין ליידיגגייער פרעסן
די פרוכט פון אויסגעקוועלטע הענט! (ביס)
הערט איר נישט, ווי עס רוישן שוין די וואָפן
געגן אונזערע ברידער אויפן גאַס?
זעהט איר דען נישט, ווי זיי ווערן בלאַס
פאַר וואוט די בלוטזויגער און פפאַפען?
שטייט-אויף, איר אַרבעטסלייט,
דערהויבט זיך מאַן פאַר מאַן!
מאַרשירט מיט אונז אין אייניגקייט,
צום קאַמף מיט דעם טיראַן!

וואָס האָט איר, ברידער, צו פאַרלירן,
וואָס טויג אַ לעבן אייך אָהן ברויט?
ווילט איר דען אייביג ווינטער פרידן,
און אייביג זומער ליידן נויט?
האָט איר ווירקליך מורא פאַר האַרמאַטן,
פאַר אַ ביקס, אַ שפּיז, אָדער אַ שווערד?
גייט איר דען נישט פאַר דער צייט אין דר'ערד
טויזנטערווייז, ווען אויך נישט דורך סאָלדאַטן?
שטייט-אויף, איר אַרבעטסלייט,
דערהויבט זיך מאַן פאַר מאַן!
מאַרשירט מיט אונז אין אייניגקייט,
צום קאַמף מיט דעם טיראַן

זאָגט, אַרבעטער-איזראַעליטן,
אויף וועלכער גאולה וואַרט איר הייגט?
דער גואל פון די פּאַראַזיטן
קען אייער גואל נישט זיין, פריינט!
איר וואָלט אפילו אין ירושלים
בלייבן שקלאַפן ביי דעם מאַן פון געלט!
נון, וואַלאַן, דען! וויזט דער גאַנצער וועלט,
אַז איר שטאַמט-אָפּ פון די חשמונאים.
שטייט-אויף, איר אַרבעטסלייט,
דערהויבט זיך מאַן פאַר מאַן!
מאַרשירט מיט אונז אין אייניגקייט,
צום קאַמף מיט דעם טיראַן!

אַ וואָרט צו די ארבעטער.

איר, וואָס לעבט פאַרגרעבט
אין דער אייביגער נויט,
אין נויט, וועלכע קלעבט
צו אייך, בעת איר שוועבט
צווישן לעבן און טויט;

איר, וואָס פלוכט און זוכט
נישט קיין אויסוועג פון זומפּ,
און קליידט און שוכט
און גיט גאָר די פרוכט
פון דער אַרבעט דעם לומפּ;

איר, וואָס זיצט און שוויצט
ביי אַ סוועטער אין הויז,
און זעלבסט אונטערשטיצט
דעם שווינדל, וואָס ניצט
אייער שוויס און מאַרך אויס

איר האָט העגט און קענט
מיט זיי איינגעטרצן שנעל
די מעכטיגע ווענט
מיט דעם פונדאַמענט
פון דער רויב-ציטאַדעל.

דאָך איר דאַרט און קוואַרט
און גיט זיך נישט ריר;
פאַרבלענט און פאַרנאַרט,
אָט זיצט איר און
זאָגט, אויף וועמען אַוואַרט וואַרט—

אפשר גאָט, וואָס האָט איר? —
אייך געזעהן אַזאַ צייט
אין נויט, כאָטש איר האָט
געהיט זיין געבאָט,
וועט אייך העלפן אָהן שטרייט?

ווען איר אירט, פאַרווירט
אין דער וועלט, ליגט די שולד
אין דעם, וואָס איר שפירט
נאָר נויט, און פאַרלירט
נישט דערביי קיין געדולד,

װאָס איר נײט, באַקלײדט
אײער אױסבײטערס גוף,
װען איר אַלײן גײט
האַלב-נאַקעטערהײט
ביז דער טױט גיט אַ רוף.

װאָס איר װעבט, דאָס שלעפּט
ער אין שפּײכלער אַרײן;
איר װעבט, בעת ער שעפּט-
אָן גאָלד און פּאַרלעבט:
אײער שװײס גיט אים װײן.

װען איר שפּינט, געװינט
ער מיליאָנען דערפון,
ער, װעלכער פאַרדינט
פון אַלץ, װאָס געפינט
זיך אונטער דער זון.

װען איר שפּרײט און זײט
די זריעה אין פעלד,
דאָס נעמט דער, װאָס גײט
אום לײדיגערהײט
און װאָס טראַכט נאָר פון געלט.

װאָס איר פאַנגט, דערלאַנגט
איר אים װי אַ פּרעזענט,
דער מאַן, װאָס פאַרלאַנגט
אַלץ, אַלץ און אים באַנגט,
װאָס ער האָט נאָר צװײ הענט.

איר האָט הענט, און קענט
מיט זיי איינשטירצן שנעל
די מעכטיגע ווענט
מיט דעם פונדאַמענט
פון דער רויב-ציטאַדעל.

אַ בעזם און אַ קער!

געגוג! איך וויל נישט פיטערן
קיין ליידיגגייערס מער;
גענוג פאַר פירשטן ציטערן
אַ בעזם מיר אַהער!
אַרויס, מיין לאָרד און איידלמאַן,
דו סוועטער—דיקע בויך.
דו מוסר-זאָגער, טאַדלמאַן,
דו קיטלמאַן, גיי אויך!

איך דאַרף נישט מער קיין מיטלמאַן,
אַ בעזם און אַ קער!
קיין מיטלמאַן, קיין טיטלמאַן, קיין קיטלמאַן,
נישט מער!

דו עסט מיר אויף, דו, פריידיגער,
וואָס בלייבט פון סוועטער נאָך;
און דו, מיין הער לאָרד גנעדיגער,
דיין מיטל איז מיין יאָך.
דער לאָרד נעמט-צו דאָס לאַנד פון מיר,

דער פריידיגער שטימט-צו,
דער סוועטער שוויצט די האַנט ביי מיר,
דאָך זאָג איך אייך: הערט-צו!

איך דאַרף נישט מער קיין פריידיגער
אַ בעזם און אַ קער!
קיין פריידיגער, קיין גנעדיג-הער, קיין ליידיגגייער,
מער!

געננוג מיר לאָזן האַבעווען
האַבונעס דורך מיין מי;
געננוג פון מיר אייך ראַבעווען
און טרייבן מיך, ווי פי!
מיך שרעקט קיין שוואַרצער קיטל נישט,
קיין שוואַרצער יאָר נישט מער;
מיך שרעקט קיין קרוין, קיין טיטל נישט,—
מיין בעזם מיר אַהער!

איך דאַרף נישט מער קיין פלאַפערמאַן,—
אַ בעזם און אַ קער!
קיין פלאַפערמאַן, קיין כאַפערמאַן, קיין קלאַפערמאַן
נישט מער!

איר אַלע דאַרמאָיעדניקעס,
איר ליידיגגייערס, גייט!
און אייערע גאַסלעדניקעס
הייסט מאַכן זיך בערייט,
צו לעבן אין דער קינפטיגער
געזעלשאַפט מיט דער צייט,
ווי ערליכע, פאַרנינפטיגע
און ברידערליכע לייט;

ווייל דאַן וועט מער קיין מיטלמאַן,
קיין פּאַראַזיט נישט זיין!
קיין מיטלמאַן, קיין קיטלמאַן, קיין טיטלמאַן
נישט זיין!

עס קומט די גאולה.

קינדער, מוט! עס קומט די גאולה.
אַלט-איירָאפּאַ איז דערוואַכט;
מאַרקס—ער האָט געטאָן אַ פּעולה
מיט זיין לימוד אין דער נאַכט,—
אין דער שוואַרצער נאַכט פון גלות,
בעת ער האָט מיט אונז געקנעלט,
און זיין גייסט זעהט די מפּלות
פון די קנעכט פון בלוט און געלט.

קינדער מוט! די פרייהייט רעגט זיך,
שאַפט זיך קעמפער איבעראַל,
אַכצען-הונדערט-צוויי-און-זעכציג
בליקט אויף אונז מיט איר לאַסאַל,—
בליקט און פרייט זיך אונז צו זעהן
נעבן ים-סוף, נאָנט ביים שטראַנד,
ווי מיר קלייבן זיך און שטייען
איין שפּריינז ווייט פון גלייכהייטס לאַנד.

קינדער, מוט, עס קומט די גאולה,
אַלט-איירָאפּאַ זאָגט אייך: „מוט!“

איר דעספּאָט הינקט אויף אַ קוליע,
הינקט און לאָזט אַראָפּ זיין קנוט,
קיינעם שרעקט נישט קיין סכנה,
קיינער ציטערט נישט ביים ברעג,
פראַנקרייך האַלט די רויטע פאַנע,
דייטשלאַנד ווייזט דעם וועג!

עס זעהט זיך לאַנד.

אונזער שיפעלע איז קליין,
און אונז פעלט אַ קאַפּיטאַן,
און מיר גייען גאַנץ אַליין
אויפן ביזן אָקעאַן.

שטאַרק איז אָבער אונזער רודער,
אונזער מאַסט און אונזער זעגל,
און ביים רודער שטייט אַ ברודער,
פרייהייט שטייט אויף אונזער דגל.

און זי גייט, זי גייט, זי גייט,
לאַכנדיג פונם שטורם-ווינט,
וועלכער ברויזט און בלאָזט און וועהט,
וויל אונז מאַכן טויב און בלינד.

אונזער שיפעלע, דאָס שוואַכע,
לאָזט דעם ביזן שטורם בלאָזן,
נאָר אַמאָל פאַרלאַנגען ראַכע
די געערגערטע מאַטראָזן....

אָבער פאָרוועדטס גייט עס פאָרט,
נענטער, נענטער ווערט דאָס לאַנד,
און מיר קומען אויף אַן אָרט
מאַן-ביי-מאַן און האַנט-אין-האַנט.

די רויטע פאָנע.

אונזער פאָנע איז רויט, ליבע ברידער,
ווייל מיר ווילן, אַז קיינער זאָל מער נישט זיין בלאַס;
אַז די פארבן פון נויט, ליבע ברידער,
זאָל נישט טראָגן דאָס פּנים פון אַרבעטערקלאַס.

אונזער פאָנע איז רויט, ליבע ברידער,
ווייל מען האָט איר באַפאַרבן מיט אַרבעטערבלוט,
אין די צייטן פון נויט, ליבע ברידער,
אין די צייטן פון רויב און פון מאָרד און פון וואוט.

***

אונזער פאָנע איז רויט, ליבע ברידער,
ווייל מיר ווילן דעם פורפור, וואָס האָט אַזוי לאַנג
די טיראַנען געקליידט, ליבע ברידער,
איבערגעבן דעם פאָלק מיט אַ יובלגעזאַנג.

אויף אונזערע קברים.

ווען די פרייהייט וועט זיצן געקרוינט אויפן טראָן
פון אַ גליקליכער וועלט און אַ מענטשהייט פון ברידער;
ווען די וואָרהייט וועט האָבן אַ פּלאַץ אויבענאָן
און אין תהום וועט זיין אַלעס, וואָס איז איר צו-ווידער;

ווען דאָס רעכט וועט געליבט זיין, דאָס אומרעכט—פאַרהאַסט,
און ווען קיינער וועט קיינעם נישט קויפן, נישט דינגען;
ווען דאָס טאָן וועט דעם טוער נישט זיין מער צולאַסט
און ביי אַרבעטן וועט מען מיט פריילעכקייט זינגען;

ווען דערפינדונגען וועלן פאַרצירן די וועלט,
נישט מער געבנדיג איינצעלע מענטשן מיליאָנען;
ווען מען וועט אונזער הייטיגן שטרעבן נאָך געלט
ווי אַ חלום אַ בייזן מיט שרעקן דערמאָנען;

ווען די גלייכהייט וועט האָבן פאַרטריבן דעם נייד
און די בילדונג וועט אויפגעקלערט האָבן די מאַסן,
ווען מען וועט נישט פאַרשטיין מער די איצטיגע רייד
פון רעגירענדע און פון געהאָרכענדע קלאַסן;

ווען די ליבע וועט האָבן פאַרניכטעט דעם האַס
און דאָס גליק וועט פאַרטיליגט האָבן קנאָה און פיינטשאַפט,
ווען די גאַסן אין שטאָט און די הייזער אין גאַס
וועלן פול זיין מיט אייניגקייט, ליבע און פריינטשאַפט,—

דאַן וועט זיצן אַמאָל אין אַ ליבלכן קרייז
פון צופרידענע קינדער, געבאָרן אין פריידן,

אַ געלערנטער מאַן, אַ דערפאַרענער גרייז,
וועלכער וועט זיי דערציילן פון אונזערעליידן:

ווי מיר האָבן געקוועלט זיך מיט דורות צוריק,
ווי מיר האָבן אָהן אויפהער געקעמפט, וועט ער מעלדן,
ווי עס האָבן געוואָרגן די תליות, די שטריק,
די אַמאָליגע הערליכע, מוטיגע העלדן.

ווי עס האָבן געראַנגלט זיך אייניג די הענט
מיט דעם קאַפּיטאַליסטישן שרעקליכן מאָגן
און צו מאַכן פון רויב און באַדריקונג אַן ענד,
וואָס זיי האָבן געטאָן און אַריבערגעטראָגן.

ווי דעם אַרבעטערס אָרימע ווייב און זיין קינד
האָבן אָפט אין דעם אייגענעם דלות פאַרגעסן,
און די וועלט צו באַפרייען פון פּרעסערס געשווינט,
האָבן פרייוויליג גאַנצענע טעג נישט געגעסן.

ווי אַ לאַנג-לאַנג פאַרשאָלטענע אַלטע נאַציאָן,
וואָס איז אייביג געווען פון דער וועלט אָפּגעזונדערט,
האָט די פעלקער דערמונטערט צום ווירקן, צום טאָן
און איז, ענדליך, געוואָרן באַליבט און באַוואונדערט.

און די גליקליכע קינדער, פאַרזאַמלט אין קרייז,
וועלן אויפשטיין גערירט פון דעם אַלטן מאַנס ווערטער,
וועלן דריקן די האַנט דעם געאַכטעטן גרייז
און דאַן לויפן באַזוכן די הייליגע ערטער—

וואו עס רוען די קעמפער פון היינטיגן דור,
וואָס דער טויט נאָר אַליין האָט געקענט זיי באַצווינגען,

און באַגייסטערטע קינדערשע שטימען אין כאָר
וועלן זייער געדעכניש מיט ערפורכט באַזינגען.

דאָס ליד פונם העמד.

(פריי איבערזעצט פון ענגליש).

מיט מאָגערע פינגער, דאַר און אויסגעדרייט,
מיט אויגן, וואָס זיינען פון אַרבעט שיין בלינד—
אַ ווייבעלע זיצט זיך, אין לומפּן געקליידט,
און וואַרפט מיטן נאָדל און פאָדם געשווינד.
שטעך—שטעך—שטעך!
אין הונגער, אין דלות, פאַר אַלעמען פרעמד,
און דאָך מיט אַ רירענדער שטים אין דער הויך
זינגט זי דאָס ליד פון העמד.

„איך ניי—ניי—ניי!
נאָך איידער דאָס קרייען פון האָן איז צו הערן!
און ניי! אָבער ניי—ווידער ניי!
ביז איך זעה דורך די לעכער אין דאַך שוין די שטערן.
מיר דאַכט זיך, עס קען נישט זיין ערגער אַ קנעכט,
וואָס אַרבעט אַלס שקלאַף ביי די היידן, ביים טערק;
מיר דאַכט זיך, עס קען אים נישט זיין אַזוי שלעכט,
ווי מיר איז אָט דאָ ביים אוממענטשליכן ווערק!

„ניי! פּראַצווע—האָרעווע—ניי!
ביז איך קען מיין קאָפּ נישט דערלאַנגען אַ דריי!
און ניי! אָבער ניי—ווידער ניי!
ביז מיינע געשוואָלענע אויגן טוען וויי.

די מערלע, דער זוים און דער באַנד,
דער באַנד און די מערלע, דער זוים!
איך פאַל אויפן נאָז מיט די קנעפלאַך אין האַנט,
און ניי זיי, עס דאַכט זיך מיר, אָן אין אַ טרוים.

„אָ, מענטשן! אויב איר האָט אַ שוועסטער, אַ ווייב,
אַ מוטער, ווען אייך האָט דער שיקזאַל געגעבן,
זייט וויסן, איר טראָגט נישט קיין וועש אויפן לייב—
איר טראָגט אויף זיך מענטשליכעס לעבן!

שטעך—שטעך—שטעך!
אין הונגער, אין שמוץ, פאַר דער גאַנצער וועלט פרעמד,
ניי איך מיט אַ טאָפּעלן פאָדם: פאַר זיך
תּכריכים—פאַר אַנדערע מענטשן אַ העמד.

„נאָר ווי איז דער טויט אויף מיין רעיון אַרויף?
דעם מלאָך-המות געשטאַלט—אַ סקעלעט,—
ווי קאָן עס מיר שרעקן, אַז מיין אייגענער גוף
איז זעלבסט נאָר אַ ביינערגעשטאַלט,—ווי איהר זעהט?—
נור ביינער אַ הויפן, גענוי ווי דער טויט:
איך פאַסט אַזוי אָפט און בין נישט אויסגערוט.
אָ, הימל! עס זאָל אַזוי טייער זיין ברויט,
עס זאָל אַזוי וואָלוול זיין פלייש און בלוט!

„ניי! פראַצעווע—האָרעווע—ניי!
צום אַרבעטן בין איך קיינמאָל נישט צו שוואַך,
און וואָס איז דער לוין פאַר מיין פראַצע? פון שטרוי
אַ בעט, אַ שטיק טרוקענע ברויט, דער צובראָכענער דאַך,
אַ קאָדער ביים לייב, אָט דער טיש מיטן שטול,
פיר ווענט, וועלכע זיינען אַזוי פוסט און בלאַנק,

אַז ווען זי מאַכט עפּיס נאָך צייטענווייז פּול—
דערפאַר קומט מיין אייגענעם שאָטן אַ דאַנק!

„איך ניי! פּראַצעווע—האָרעווע—ניי!
פון מאָרגן ביז שפּעט אין דער פינסטערער נאַכט!
ניי! פּראַצעווע—האָרעווע—ניי!
פּונקט ווי אַ פאַרברעכער אין טורמע פאַרמאַכט:
דער באַנד און די מערלע—דער זוים,
די מערלע, דער זוים און דער באַנד!
ביז איך פיל מיין קאָפּ אויף די אַקסעלאַך קוים,
מיין מוח פאַרפירט איז און שוואַך איז מיין האַנט.

„ניי! פּראַצעווע, האָרעווע—ניי!
ביים פינסטערן ליכט פון דעצעמבער-טומאַן;
און ניי! אָבער ניי—ווידער ניי!
אין ליבליכסטן מאַי, וואָס איז ערגעץ פאַראַן,
ווען אונטערן דאַך אין איר נעסט זיצט די שוואַלב,
און ווייזט מיר פון ווייטן די ליכטיגע זון,—
זי ווייזט מיר דעם פרילינג און פרעגט מיך ווערסהאַלב—
איך זעה דאָס אַלץ צו און געניס נישט דערפון.

„אָך, איינמאל נאָך שעפּן וואָלט איך פרייע לופט,
וואו רויזן און ליליען—ליבליך און זיס—
געפינען זיך דאָרט, וואו דאָס פייגעלע רופט!
דעם הימל פון אויבן—גראָז אונטער די פיס..
נור איין קורצע שעה דאָרטן זיין פאַרן טויט,
צו שלינגען די לופט, וואו אַ ווינטעלע בלאָזט;
ווי דאַן—ווען געוועזן אומבאַקאַנט מיר די נויט,
איידער מיר אַ שפּאַציר האָט אַ מיטאָג געקאָסט.

„אָ, איין קורצע ווייליגקע בעט איך נאָר הייט,
אויף איין קורצער שעה צו ווערן באַפרייט—
נישט האָפנונג צו זוכן, נישט ליבע פון פריינט,
מיין האַרץ אויסצעוויינען פאַרלאַנג איך נאָר צייט.
אַ ביסעלע וויינען, נור עטליכע טרערן
וואָלט גרינגער געמאַכט מיין צובראָכענעם האַרץ.
איך טאָר אָבער נאָדל און פאָדם נישט שטערן
דורך וויינען—אַפילו צו שטילן מיין שמאַרץ.“

מיט מאָגערע פינגער, כמעט אויסגעדרייט,
מיט אויגן, וואָס זיינען פון אַרבעט שוין בלינד,
אַ ווייבעלע זיצט זיך, אין קאָדרעס געקליידט
און וואַרפט מיטן נאָדל און פאָדם געשווינט.
שטעך—שטעך—שטעך!
אין הונגער און דלות, פאַר אַלעמען פרעמד,
און דאָך מיט אַ רירענדער שטים אין דער הויך
זינגט זי דאָס ליד פונם ה ע מ ד.

אין רעגן, אין ווינט און אין קעלט.

וואָס טוען צוויי עופעלאַך קליינע אין גאַס—
אין רעגן, אין ווינט און אין קעלט!
די הענטעלאַך—אייז און די פיסעלאַך—נאַס,
די ליפעלאַך—בליי און די בעקעלאַך—בלאַס:
וואו איז זייער היים אין דער וועלט?
זייער היים! זייער היים בין איך, זאָגט די גאַס,
אין רעגן, אין ווינט און אין קעלט.

וואו גייען צוויי קינדערלאַך קלייניניקע היינט,
אין רעגן, אין קעלט און אין ווינט?
וואָס? גאָר אָהן אַ פאָטער. אַ מוטער, אַ פריינט?...
יתומימלאַך? נעבאַך! וואָס זעה איך? מיר שיינט,
אַז איינער פון זיי איז גאָר בלינד!
געוויס, זאָגט די גאַס, און איך בין זייער פריינט
אין רעגן, אין קעלט און אין ווינט.

וואָס בלייבן זיי שטיין מיטאַמאָל דאָ אַליין
אין רעגן, אין ווינט און אין קעלט?
צום האַנדלען—צו-אָרים, צום בעטלען—צו-קליין,
צו-שוואַך און צו-ערליך צום גנבענען גיין,
וואו קריגן זיי עסן אָהן געלט?
איצט שווייגט שוין די גאַס, אַך, איר האַרץ איז פון שטיין,
דער ווינט שווייגט, דער רעגן, די קעלט.

מ. ראָזענפעלד.

מיר זיינען פרייהייטס-סאָלדאַטן.

מיר זיינען סאָלדאַטן אין פרייהייטס-אַרמיי
און שטייען גאַנץ פעסט אין די רייען.
מיר קומען באַפרייען די וועלט פון איר ווי,
די מענטשהייט פון קנעכטשאַפט באַפרייען.
באַגייסטערט פון אמת, באַלאָדן מיט מאַכט,
מאַרשירן מיר געגן האַרמאַטן—

מיר קומען אין זונשיין פאַרוואַנדלען די נאַכט
מיר קומען, ווי בראַווע סאָלדאַטן.

מיר האָבן דורך דורות געטראָגן די נויט,
און שטיל און געדולדיג געשוויגן.
עס האָט אונז דער רייכער געמאַטערט צום טויט,
געטראָטן געריבן, ווי פליגן.
נו, קומען מיר זאָגן דעם מעכטיגן „האַלט!"
און וואַרפן אַ שרעק אויף דעם זאַטן...
מיר קומען צושטערן די הערשאַפט פון גוואַלד,
און קומען, ווי בראַווע סאָלדאַטן.

מיר קומען מיט פעסטע כלי-זין פאַרזעהן
און רופן זיך מער גישט: „די שוואַכע,"—
פאָרויס גייט אונז מאַרקס מיט זיין מעכטיגער פען,
לאַסאַל מיט זיין גוואַלדיגער שפּראַכע.
אונז פעלן קיין פירער, אונז פעלט קיין געווער,
אַ, ציטערט, איר שטאָלצע מאַגנאַטן!—
מיר קומען פאַרזאָרגט און באַוואָפנט אַהער,
און קומען, ווי בראַווע סאָלדאַטן.

וואָס אַרט אונז אַ שוגא! וואָס אַרט אונז אַ שפּיאָן!..
מיר בלייבן דער זאַך אַלץ נאָך טרייער,
מיר הויבן נאָך העכער די הייליגע פאָן,
און וואַרפן זיך דרייסטער אין פייער.
נישטאָ אַזאַ מאַכט, וואָס זאָל שטערן דעם זיג
פון אונזערע קרעפטיגע טאַטן—
מיר ציען מיט ליבע אין ברענענדן קריג,
ווי ערליכע פרייהייטס-סאָלדאַטן!

מיין רופלאַץ.

נישט זוך מיך, וואו די מירטן גרינען,
גיפינסט מיך דאָרטן נישט, מיין שאַץ.
וואו לעבנס וועלקן ביי מאַשינען —
אָ, דאָרטן איז מיין רוע-פּלאַץ.

נישט זוך מיך, וואו די פייגל זינגען!
געפינסט מיך דאָרטן נישט, מיין שאַץ;
אַ שקלאַף בין איך, וואו קייטן קלינגען —
אָ, דאָרטן איז מיין רוע-פּלאַץ.

נישט זוך מיך, וואו פאָנטאַנען שפּריצן,
געפינסט מיך דאָרטן נישט, מיין שאַץ;
וואו טרערן רינען, וואו ציינער קריצן —
אָ, דאָרטן איז מיין רוע-פּלאַץ.

און ליבסטו מיך מיט ריינער ליבע,
טאָ קום צו מיר, מיין גוטער שאַץ!
און הייטער-אויף מיין האַרץ דאָס טריבע
און מאַך מיר זיס מיין רוע-פּלאַץ.

אַ מאַשין.

עס רוישט אין פאַבריק אַזוי ווילד די מאַשינע,

אַז אָפּטמאָל פאַרגעס איך אין רויש, אַז איך בין
און איך ווער אין דעם שרעקליכן טומל פאַרלאָרן—
מיין איך ווערט דאָרט בטל—איך ווער אַ מאַשין!

איך אַרבעט און אַרבעט, און אַרבעט אָהן חשבון,
עס טוט זיך און טוט זיך און טוט זיך אָהן צאָל,
פאַרוואָס? און פאַר ווען? איך ווייס נישט, איך פרעג נישט:
ווי קומט אַ מאַשין גאָר צו דיינקען אַמאָל?

נישטאָ קיין געפיל, קיין געדאַנק, קיין פאַרשטאַנד גאָר,
די ביטערע בלוטיגע אַרבעט דערשלאָגט:
דאָס איידעלסטע, שענסטע און בעסטע, דאָס רייכסטע
דאָס טיפסטע, דאָס העכסטע, וואָס לעבן פאַרמאָגט.

עס שווינדן סעקונדן, מינוטן און שטונדן,
גאָר זעגל-שנעל לויפן די נעכט מיט די טעג.
איך טרייב די מאַשין, גלייך איך וויל זי דעריאָגן,
איך יאָג אָהן אַ שכל, איך יאָג אָהן אַ ברעג.

דער זייגער אין ווערקשטוב, ער רוט נישט אַפילו,
ער ווייזט אַלץ און קלאַפּט אַלץ און וועקט נאָכאַנאַנד.
געזאָגט האָט אַ מענטש מיר אַמאָל די באַדייטונג:
זיין ווייזן און וועקן—דאָרט ליגט אַ פאַרשטאַנד.

נאָר עטוואָס געדיינקט זיך מיר פונקט ווי פון חלום:
דער זייגער—ער וועקט אין מיר לעבן און זין,
און נאָך עפּיס—איך האָב פאַרגעסן—נישט פרעגט עס:
איך ווייס נישט, איך ווייס נישט, איך בין אַ מאַשין...

און צייטנווייז, ווען איך דערהער שוין דעם זייגער,

פאַרשטיי איך גאַנץ אַנדערש זיין ווייזן, זיין שפּראַך;
מיר דאַכט, אַז עס בוקעט מיך דאָרטן דער אומרו—
כ'זאָל אַרבעטן, אַרבעטן מערער אַ סך!

איך הער אין זיין טאָן נאָר דעם הערס ווילדן בויזער,
זיין פינסטערער קוק—און די ווייזער די צוויי:
דער זייגער, ער גראַבלט, מיר דאַכט, אַז ער טרייבט מיך
און רופט מיך: מאַשין! און ער שרייט צו מיר „ניי"...

מיין יינגעלע.

איך האָב אַ קליינעם יינגעלע,
אַ זונעלע גאָר פיין!
ווען איך דערזעה אים, דאַכט זיך מיר,
די גאַנצע וועלט איז מיין.

נאָר זעלטן-זעלטן, זעה איך אים,
מיין שיינעם, ווען ער וואַכט.
איך טרעף אים אימער שלאָפנדיג,
איך זעה אים נאָר ביינאַכט.

די אַרבעט טרייבט מיך פרי אַרויס
און לאָזט מיך שפּעט צוריק;
אָ, פרעמד איז מיר מיין אייגן לייב,
אָ, פרעמד מיין קינדס אַ בליק.

איך קום צוקלעמטערהייט אַהיים,

אין פינסטערניש געהילט,—
מיין בלייכע פרוי דערציילט מיר באַלד,
ווי פיין דאָס קינד זיך שפּילט.

ווי זיס עס רעדט, ווי קלוג עס פרעגט:
„אָ, מאַמאַ, גוטע מאַ,
ווען קומט און ברייגגט אַ פּעני מיר
מיין גוטער, גוטער פּאַ?"

איך הער עס צו און ווייס—עס מוז,—
יאָ, יאָ, עס מוז געשעהן!
די פּאַטערליבע פלאַקערט אויף:
עס מוז מיין קינד מיך זעהן!

איך שטיי ביי זיין געלעגערל
און זעה און הער—און שאַ!
אַ טרוים באַוועגט די ליפּעלאַך:
„אַ, וואו איז, וואו איז פּאַ?"

איך קוש די בלויע אייגעלאַך:
זיי עפנען זיך—„אָ, קינד!"
זיי זעהען מיך, זיי זעהען מיך
און שליסן זיך געשווינד.

„דאָ שטייט דיין פּאַפּאַ, טייערער,
אַ פּענעלע דיר נאַ."
אַ טרוים באַוועגט די ליפּעלאַך:
„אָ, וואו איז, וואו איז פּאַ?"

איך בלייב צעווייטאָג און צוקלעמט,
פאַרביטערט און איך קלער:
„ווען דו דערוואַכסט אַמאָל, מיין קינד,
געפינסטו מיך נישט מער."

די איינשווערונג.

פאַרן דיכטער אַ פּראָגראַם,
וואָס צו זינגען און צו זאָגן
דאָ אין אונזער גרויסן ים
פון יסורים און פון קלאָגן.

אָ, זעהסטו די שעפער? באַטראַכטסט די פאַבריקן?
דאָס שאַפן די מענטשן דעם מענטש זיינע גליקן:
זיי שניצן און בויען און שפּינען און וועבן,
און שניידן און שמידן און שאַפן דאָס לעבן.
דאָך פרעג זיי, די בלייכע, וואָס צאַפּלען און שוויצן,
ווי גרויס זייער לוין איז און וואָס זיי באַזיצן?
אָ, פרעג ווי זעהט-אויס זייער היים, וואו זיי קומען
ביינאַכט, ווען די פינסטערע רעדער פאַרשטומען!
אָ פרעג, וואָס זיי טוען אין צייטן פון דאַרבן:—
אין צייטן פון סלעק, יאָ, די צייטן פון שטאַרבן!
אָ, פרעג, ווער האָט שולד אין דעם עלנט דעם שווערן?
און פעלט זיי באַוואוסטזיין,—זאָלסטו זיי דערקלערן!
דערקלער זיי די סיבה פון שרעקליכן איבל
און מעג די פאַרדאָרבנהייט האָבן פאַראיבל,
דיין פען זאָל אַ פידל צוגלייך און אַ שווערד זיין:
זאָלסט שפּילן און שטראָפן, דיין קראַפט זאָלסטו איבן,
און האַסט דיך די חיה, דער מענטש וועט דיך ליבן,
דאָס רעכט וועט דיך ליבן, און גרויס וועט דיין ווערט זיין.

נו, שווער, ווּעסטו זיין מיט דעם אָר׳מען און שלאָפן?
„אָ, הער:
איך שווער!"
טאָ נעם־צו די ברכה פון טויזענטער שקלאַפן!

דו הערסט ווי מען פריידיגט אונז דמהייט און ליגן?
דו זעהסט, ווי מען זוכט אונזער האַרץ צו פאַרוויגן,
דעם שכל צו רימען,—מען וויל אונזער לעבן!
די נאַכט נעמט אונז צו, וואָס דער טאָג האָט געגעבן...
דו זעהסט זיי, די פינסטערע? זעהסט די באַצאָלטע?
איין טייוול: די בערדיגע, ווי די געגאָלטע!..
דו זעהסט, ווי זיי זוכן דעם גייסט צו אַנטאָגנען,
איהם שלעפן צוריק אין די שוואַרצע לעגיאָנען,
פון וואַנען ער איז מיט אַ ווייטאָג אַנטרונען?
דו זעהסט ווי זיי סמן דעם וויסנשאַפט־ברונען?
אום אונזערע מוחות דורך דורשט צו פאַרשמאַכטן
אום אונז צו באַטריגן, אום אונז צו אומנאַכטן.
אַרויס מיט דיין כוח, אַרויס מיט געוואַלטן!
פאַרטומעל די טומלער, נישט לאָז זיי דאָ וואַלטן,
נישט לאָז אונזער וויסן, דורך אָפּפער דערוואָרבן,
זאָל פאַלן דעם בלוטיגן אונזין אַלס קרבן.
נו, שווער: ווּעסטו דעמאַגאָגן פאַרהאַסן?
„אָ, הער:
איך שווער!"
טאָ נעם־צו אַ צענפאַכן גרוס פון די מאַסן.

אָ, זעהסט דורכן רויך די צוקאָכטע אַרמייען?
דו הערסט?—דער גיהנום וואַכט־אויף מיט געשרייען!
עס קלינגען די שווערדן, עס הילכן גראַנאַטן:
די טייערע יוגנט פאַרשווינדט גאָר אין שאָטן.
אָ, בלוטיגע טייכן פאַרגיסן די בלומען!

דער אַקער פאַרפלייצט און די פעלדער פאַרשוואומען.
מען זעהט נישט קיין ערד און מען זעהט נישט יין הימל, —
אָ, שרעקליכע קולות, אָ, ווילדער געטימל!
אַ פחד פאַלט-אָן אויף די בערג און זיי שטוינען:
דאָס איז אַ מלחמה, עס שפּילן זיך קרוינען.
ד בעסטיע אין מענטש האָט זיך פלוצלונג צובייזערט,
דיער מענטש אין דער בעסטיע זיך פלוצלונג צוקייזערט.
בישטאָ קיין געפילן, נישטאָ קיין רחמנות.
עס זיפצן יתומים, עס קלאָגן אַלמנות,
עס וויינען די וואָלקן אַרונטער פון אויבן,
עס יאָמערט די ליבע, עס ציטערט דער גלויבן...
בו, שוער: וועט דיין פעדער פאַרדאַמען מלחמות?
„אָ, הער:
איך שווער!”
טאָ נעב-צו דעם לויב פון מיליאָנען נשמות.

אָ, זעהסטו דאָס שעפעלע? קוים וואָס עס זשיפּעט,
צושלאָגן, צוהרגעט, צוקרעלט און צושונדן,
עס פלייצן די בלוטן פון טויזענטער וואונדן,
אָט קוים וואָס דאָס אָטעמט נאָך, קוים וואָס דאָס כליפּעט:
„דערהרגעט מיך בעסער און נעמט צו איינגאַנצן
מיין אָרימעס לעבן.” דאָך זעהסט ווי זיי טאַנצן,
די בלוטיגע חיות? דו הערסט וואָס זיי זאָגן?
„עס הייסט אונז נישט גאָט דיך איינגאַנצן דערשלאָגן,
באָר שטראָפן דיין זינד, די פאַרדאָרבענע, שלעכטע,
און מיר פירן-אויס זיינע רייד די גערעכטע.”
דערקענסטו דאָס שעפעלע?—די אָרימע אומה!
און קענסטו די חיות?—די פעלקער די פרומע!
בו, שנעל גאַרטל-אונטער די לענדן מיט כוח
און שטרעק-אויס דער וויסנשאַפטס פלאַמענדן זעבל!

אַרויס אויפֿן מאַרק צו דעם פינסטערן פעבל
אין ווייז זיי מיט ראיות און ווייז זיי מיט מוח,
אַז פרייהייט אין גלויבן און גלויבן אין פרייהייט
וועט פירן די מענטשהייט צו אייביגער טרייהייט.
בן, זאָג: וועסטו זיין געגן יידן-העצערייען?
„אָ, הער:
איך שווער!"
טאָ לעב—און דיין נאָמען זאָל אייביג געדייען!

דער טרערן-מיליאָנער.

אָ, נישט קיין גאָלדנער קאַמערטאָן
שטימט-אָן מיין קעל צום זינגען,
עס קאָן דער וואונק פון אויבן-אָן
מיין שטים נישט מאַכן קלינגען;
דעם שקלאַפס אַ קרעכץ, ווען ער איז מיד
נאָר וועקט אין מיר די לידער,—
און מיט אַ פלאַם לעבט אויף מיין ליד
פאַר מיינע אָרימע ברידער.

* * *

דערפאַר פאַרגיי איך אָהן אַ צייט,
דערפאַר וועבט-אויס מיין לעבן:
וואָס קאָנען מיר די אָרימע לייט
פאַר אַ באַלוינונג געבן?
זיי צאָלן טרערן פאַר אַ טרער,—

דאָס אַלעס, וואָס זיי קאָנען :—
איך בין אַ טרערן-מיליאָנער
און וויין אויף די מיליאָנען...

דער בלייכער אַפּרייטער.

איך זעה דאָרט [illegible]לייכן אַפּרייטער,
פאַרקאָכט אין דער אַרבעט, אַ שרעק!
און זייט איך געדיינק אים, אַלץ נייט ער
און לייגט זיינע קרעפטן אַוועק.

עס ווערן חדשים פאַרפלויגן,
עס לויפן די יאָרן אַהין,
און נאָך זיצט דער בלייכער געבויגן,
און קעמפט מיט דער רויער מאַשין.

איך שטיי און באַטראַכט דאָרט זיין צורה,
זיין צורה, פאַרשמירט און פאַרשוויצט,
און פיל, אַז דאָ אַרבעט קיין גבורה,
דער אימפעט נאָר פראַצעוועט איצט.

דאָך פאַלן די טראָפּנס כסדר,
פון אויפגאַנג ביז אונטערגאַנג שפּעט,
און זאַפּן זיך איין אין די קליידער,
און טרינקען זיך איין אין די נעט.

איך בעט אייך, ווילאַנג וועט נאָך יאָגן

דער בלייכער דעם בלוטיגן ראָד!
אָ, ווער קאָן זיין ענדע מיר זאָגן?
ווער ווייס יענעם שרעקליכן סוד!

אָ, שווער, זייער שווער דאָס צו זאָגן,
דאָך איינס איז באַוואוסט און באַשיידט:
ווען אים וועט די אַרביים דערשלאָגן,
זיצט תיכף אַ צווייטער און נייט.

אַ טרער אויפן אייזן.

אָ, קאַלט און פינסטער איז די שאַפּ!
איך האַלט דעם אייזן, שטיי און קלאַפּ!—
מיין האַרץ איז שוואַך, איך קרעכץ און הוסט:
עס הויבט זיך קוים מיין קראַנקע ברוסט.

איך קרעכץ און הוסט און פּרעס און קלער,
מיין אויג ווערט פייכט, עס פאַלט אַ טרער,
דער אייזן גליט—דאָס טרערל מיין—
דאָס קאָכט און קאָכט און זידט נישט איין.

איך פיל קיין קראַפט, עס איז פאַרוועגדט!
דער אייזן פאַלט מיר פון די הענט,
און דאָך די טרער, די הייסע טרער,
די טרער, די טרער קאָכט מער און מער.

עס רוישט מיין קאָפּ, עס ברענט מיין האַר־

איך פרעג מיט ווײ, איך פרעג מיט שמאַרץ
„אָ, זאָג, מײן פרײנט אין נויט און פּײן,
אָ, טרער, פאַרוואָס זידסטו נישט אײן?

אָ, שטומע טרער, אָ, שטומע שפּראַך
זאָג, האָב איך דײנע נאָך אַ סך?
צי דו ביזט שוין די לעצטע הײנט,
פון אַלע מײנע הײסע פרײנד?

ביזט אפשר גאָר אַ קוריער,
זאָגסט אָן מיר, אַז עס קומען מער?
איך וואָלט עס װעלן װיסן, זאָג:
ווען ענדיגט זיך דער גרויסער קלאָג?

איך וואָלט געפרעגט נאָכמער און מער
ביים אומרו, ביי דער ווילדער טרער—
דאָ האָבן זיך דערלאַנגט אַ גאָס
גאָר טרערן, טרערן אָהן אַ מאָס
און איך האָב שוין פאַרשטאַנען גלײך,
אַז טיף איז נאָך דער טרערנטײך.

פאַרצווייפלונג.

אָ, דאַרף מען נישט רוען כאָטש איין טאָג אין וואָך,
פּ טאָג מער נישט פריי זיין פון שרעקליכן יאָך?
פאַרגעסן דעם באָס, דעם פאַרביסענעם מרוק,

זיין פינסטערע מינע, זיין שרעקליכן קוק,
פאַרגעסן די שאַפּ און דעם פּאָרמאַנס געשריי,
פאַרגעסן די קנעכטשאַפט, פאַרגעסן דעם וויי!
„פאַרגעסן זיך ווילסטו און רוען דערצו?
נישט זאָרג זיך, אָט באַלד ווערסטו גיין אין דיין רו!“

באַלד האָבן די ביימער און בלומען פאַרבליט,
באַלד ענדיגט דער פייגל דער לעצטער זיין ליד,
באַלד זעהט מען נאָר קברים אַרום און אַרום!
אָ, ווי וואָלט איך וועלן אַ שמעק טאָן אַ בלום,
אַ שלונג טאָן כאָטש, איידער עס שטאַרבט-אָפּ דאָס גראָז,
אויף פעלדער באַגרינטע דעם ווינטעלעס בלאָז!
„אין פעלד ווילסטו זיין, וואו ס'איז לופטיג און גרין?
נישקשה, מען וועט דיך שוין ברייגגען אַהין!“

דער טייך איז באַזילבערט און גלאַנצט אַזוי שיין,
עס טאַנצן די וועלן מיט זעלטענעם חן, —
אָ, דאָרט זיך צו באָדן ווי גוט מוז עס זיין,
ווי וואָלט איך מיט חשק אין וואַסער אַריין!
מיין גוף איז פון שרעקליכער אַרבעט פאַרשוואַכט, —
ווי וואָלטן די בעדער מיך שטאַרקער געמאַכט! —
„אָ, באָדן זיך ווילסטו, זיך וואַשן אין טייך?
נישט שרעק זיך, מען וועט דיך אַרומוואַשן גלייך?“

ס'פאַבריקל איז פינסטער און רויכיג און קליין,
אָ, ווי זאָל מיין בלוזע די ווייסע זיין ריין?
זיין שמוציגן שאָפּ איז די ריינקייט מיר פרעמד, —
און דאָך ווי באַגער איך אַ קלאָר-ווייסע העמד!
אַ שירץ, וואָס איז זויבער, אַ בלוזע, וואָס לייכט, —
פון שוויס נישט געברודיגט, פון טרערן נישט פייכט!

„זיך אָנטאָן אין ווייסן פֿאַרלאַנגסטו אַצינד?
מען וועט דיך שוין אָנטאָן און אָנטאָן געשווינט!?״

אין וואַלד איז אַ חיות, אין וואַלד איז עס קיל,—
דאָרט טרוימט זיך עס ליבליך, דאָרט טרוימט זיך עס פיל!
די פייגעלאַך זינגען מחיהדיג פיין,
די טענער די זיסע, זיי שלעפערן איין.
אין שאָפּ איז עס אָבער אַ רויש און עס שטיקט,—
אָ, ווי וואָלט דער וואַלד מיך געקילט און געקוויקט!—
„זיך אָפּקילן ווילסטו? וואָס טויג דיר דער וואַלד?
נישט לאַנג וועט עס נעמען, און דו וועסט זיין קאַלט!״

אַ טייערן חבר צו האָבן איז גוט,—
אין נויט גיט ער האָפֿנונג, אין עלנטקייט מוט!
א טייערער חבר פֿאַרזיסט דיר דיין זיין,
ער גיט דיר אַ חשק אין לעבן אַריין,—
און איך בין פֿאַריתומט און איך בין אַ שטיין—
צווישן טויזענטער מענטשן, דאָך איינער אַליין...
„וועסט האָבן חברים באַלד גאַר אָהן אַ שיעור:
יי ראָיען זיך שוין און זיי וואַרטן אויף דיר!

אין שאַפּ און אינדערהיים.

איך זיץ און איך טרייב די מאַשינע,
און פיל ווי מיין כוח גייט-אויס,
איך טראָג נישט אויף קיינעם קיין שנאה,

און פרעמד איז נקמה און קנאה—
דער ווייטאָג אין האַרץ נאָר איז גרויס.

מיין בליק פילט זיך אָן און גייט ב :
עס ווערט אויף דער אַרבעט אַ פלעק,
אַ ווילדער, אַ צערנדער פיבער,
ער גייט מיר די בלוטן אַריבער
און שמעלצט מיר דאָס לעבן אַוועק.

עס טריפן די פלאַמענדע וואונדן,
איך זיץ אין דער דומפּער פאַבריק,
ביז וואַנען עס קומען די שטונדן,
ווען כלומרשט איך בין נישט געבונדן,—
און גיי אַ באַפרייטער צוריק.

אַהיים קום איך קראַנק און געבראָכן,
באַגלייט פון אַ שטילן געוויין,
מיט מידע צעווייטיגטע קנאָכן,
מיט יאוש אָנשטאָט מיט בטחון
און פאַל דאָרט אַוועק, ווי אַ שטיין.

די שטוב איז פאַרוויסט און אַנטשוויגן.
איך קוק זיך אַרום מיט אַ הוסט:
מיין אָרימע פרוי זעה איך ליגן,—
זי בלאָנדזשעט פון חלום אַ נגון,
דאָס פיצעלע טרוימט ביי איר ברוסט.

איך קוק אויף די אָרמע מיט טרערן
און קלער: „ווען איך בלייב איצטער טויט,
ווען איך זאָל מיט איינמאָל נישט ווערן,

אָ, ווער וועט זיי ביידען דערנערן?
אַ בעט זיי פאַרשאַפן און ברויט?

„וואָס טוען זיי באַלד טאַקי מאָרגן,
ווי שנעל דער פאַרדינער זיי פעלט?
אָ, ווער וועט זיי לייען, צי באָרגן?
זאָגאַר מיט דאָס קלענסטע באַזאָרגן?
וואו בלייבט זיי אַ פריינט אויף דער וועלט?

און, קלערנדיג, ווער איך אַ מידער
אַנטשלאָפן.—איך טו מיך אַ כאַפּ!
אין מזרח-זייט טאָגט עס שוין ווידער,
איך שלעפּ די פאַרמאַטערטע גלידער
צוריק אין דער דומפּיגער שאַפּ.

וואָס איז די וועלט.

און איז אונזער וועלטל אַ שלאָפּצימער נאָר,
און איז נאָר אַ חלום דאָס לעבן,
דאַן זאָלן מיר, וויל איך, אויך מיינע פּאָר יאָר
אין גוטע חלומות פאַרשוועבן.

דאַן וויל איך חלומות פון פרייהייט און גליק,
ווי יענע גרויסאַרטיגע הערן,
דאַן וויל איך אין חלום אַ ליבליכן בליק
און וויל נישט מער טרוימען פון טרערן.

און איז אונזער וועלטל אַ שמחה, אַ באַל,

וואו מיר זיינען אַלע פאַרבעטן,
דאַן ווילט זיך מיר זיצן אויך ברייטלאַך אין זאַל
און האָבן אַ חלק אַ פעטן.

אויך איך קאָן פאַרדייען אַ זאַך, וואָס איז גוט,
אַ ביסן אַ פעטן פאַרטראָגן;
איך האָב אין מיין גוף אויך דאָסזעלביגע בלוט,
ווי די, וועלכע אוצרות פאַרמאָגן.

און איז נאָר אַ גאָרטן אַצינד אונזער וועלט,
וואו ס'וואַקסן אויך אַלערהאַנט ראָזן,
דאַן וויל איך שפּאַצירן דאָרט, וואו מיר געפעלט,
און נישט, וואו די רייכע מיר לאָזן.

דאַן ווילט זיך מיר טראָגן פון בלומען אַ קראַנץ,—
איך וויל זיך מיט דערנער נישט צירן—
דאַן ווילט זיך מיר אויך מיט מיין ליבסטע אין גלאַנץ
פון מירטן און לאָרבער שפּאַצירן.

און איז אונזער וועלט אַ מלחמה אַצינד,
וואו שטאַרקע און שוואַכערע שטרייטן,
דאַן אַרט מיך קיין שטורם, קיין ווייב און קיין קינד,
איך בלייב נישט מיט קאַלטקייט פון ווייטן.

דאַן וואַרף איך אין פייער זיך, ווער איך אַ העלד,
און קעמף, ווי אַ לייב, פאַר דעם שוואַכן,
און טרעפט מיך די קויל—איך פאַל טויט אויפן פעלד,
דאַן קאָן איך, אויך שטאַרבנדיג, לאַכן.

וואוהין?

(צו א מיידעלע).

וואוהין, וואוהין, דו שיינעס קינד?
די וועלט איז נאָך נישט אָפן!
אָ, זעה, ווי שטיל דאָ איז אַרום!
פאַרטאָג, די גאַסן שטייען שטום,—
וואוהין, וואוהין, אַזוי געשווינט?
יעצט איז דאָך גוט צו שלאָפן!
די בלומען טרוימען דאָך נאָך,—זעהסט?
עס שווייגט נאָך יעדער פייגלנעסט,—
וואוהין פאָרט טרייבט עס דיך אַצינד?
וואו לויפסו, זאָג, באַגינען?
„איך גיי פאַרדינען!"

וואוהין, וואוהין, די [illegible]ס קינד,
זוי שפעט ב[illegible] נאַכט ש[illegible]ן?
אַליין דורך פינסט[illegible]גיש און קעלט!
און אַלעס רוט, עס שווייגט די וועלט—
וואוהין פאָרט טראָגט עס דיך דער ווינט?
דו וועסט דאָך נאָך פאַראירן!
קוים האָט דער טאָג דיר נישט געלאַכט,
וואָס קען דיר העלפן דען די נאַכט?
זי איז דאָך שטום און טויב און בלינד!
וואוהין מיט לייכטן זינען?
„איך גיי פאַרדינען!"

די נאַכטיגאַל צום אַרבייטער.

שיין-זומער איז היינט, שיין-זומער איז היינט!
דו הערסט ווי איך פייף דיר אַ נגון?
אין טיף-בלויען הימל די זון גאָלדיג שיינט,
עס זינגען אין וואַלד מיינע לופטיגע פריינט,
עס זשומען אין גרינגראָז די פליגן;
עס פלוידערט דער קוואַל און עס מורמלט דער טייך,
עס בליען און שמעקן די בלימעלאַך רייך, —
גענוג אין פאַבריק דיר צו ליגן!
שטיי-אויף, די נאַטור האָט דיך אויך גאָרנישט פיינט, —
שיין-זומער איז היינט, שיין-זומער איז היינט!
פיל לוסטיגקייט, פיל פאַרגעניגן,
און יעטווידער אָטעמט, און יעדער געניסט, —
עס פרעגן נאָר אַלע, וואו דו ערגעץ ביסט:
דיין חלק איז דאָ, יאָ, דיין טייל איז פאַראַן, —
נו, נעם עס, אָ, נעם דאָס, דו אַרבעטערמאַן!

שיין-זומער איז איצט, שיין-זומער איז איצט!
דער שמעטערלינג טאַנצט אויף די בלומען,
דער זילבערנער רעגנדל מחיהדיג שפריצט,
עס שטייען די בערג אַזוי גרין און פאַרשפּיצט,
די לופט איז געמישט מיט פאַרפומען;
די שעפעלאַך שפרינגען אין בלומיגן טאָל,
דער פאַסטוך דערהערט שוין דער פאַסטושקעס קול,
די הייליגע צייט איז געקומען!
נו, מאַך נישט קיין שיהות, דאָס לעבן פאַרבליצט, —

שיין-זומער איז איצט, שיין-זומער איז איצט!
דער ראָד מעג אַ ווײַלע פאַרשטומען.
דו האָסט אַזוי לאַנג, אַזוי ביטער געשאַפט,
פאַרווענדט אַזוי נאַריש דײַן אײַזערנע קראַפט,
אָ, רייד זיך נישט אײַן, אַז דאָס לעבן איז שטות—
הויב-אויף מיט אַ חשק דעם כוס פון געניוס!
שיין-זומער איז דאָ, שיין-זומער איז דאָ!
איך וועל עס דיר אייביג נישט זינגען,
דען ענדליך וועט קומען אויף מיר אויך אַ שעה,
מײַן צווייג וועט פאַרנעמען די פינסטערע קראָ,
דאָס הייליגע ליד וועט פאַרקלינגען.
אָ, כּל-זמן איך זינג דיר אַראָפּ פון דעם בוים
פון פרייהייט און ליבע דעם גאָלדענעם טרוים,
טאָ הויב דיך און לאָז דיך נישט דינגען...
די הימלען פאַרבלײַבן אויך אייביג נישט בלאָ,
שיין-זומער איז דאָ, שיין-זומער איז דאָ!
אַצינד קאָן מען לוסטיג פאַרברענגען,
דען גראַדע ווי דו, וועלכער וועלקט בײַם מאַשין,
פאַרוועלקט ענדליך אַלעס און טראָגט זיך אַהין,
מאָמענטן נאָר בילדן דאָס לעבן, די צײַט,—
פאַרזעהן אַ מאָמענט—איז פאַרלאָרן דער שטרײַט!

דאָס ליד פון מאַשינען

מיר שאַרן די אַרבייט
מיט „שאַרער" מאַשינען
און שאַרן פול אוצרות אַרײַן,

דאָך וואָס מיר דערלעבן
און וואָס מיר געווינען
און וואָס מיר דערשטרעבן,
און וואָס מיר פאַרדינען —
איז הונגער און עלענד, און פּיין!
מיר שאַרן מיט „שאַרער“
און ווערן אַלץ דאַרער,
דאָך אונזערע נאַרער —
זיי נאַרן אונז דאָך.
מיר שאַרן און שאַרן,
אָ, ביז מיר פאַרשטאַרן
און פאַלן אין יאָך.

מיר זינגען און טרייבן
די „זינגער“-מאַשינען,
דעם מייסטער דאָס לידל געפעלט,
מיר זינגן כּסדר
פון טרערן, וואָס רינען,
פון בלוטיגע קליידער
מיט קללות דערינען,
אַ ליד פון אַ פינסטערער וועלט.
מיר טרייבן די „זינגער“
סיי עלטער, סיי יינגער, —
צו שאַפן די דינגער
אַ לעבן פול פּראַכט,
מיר זינגען און זינגען,
אָ, ביז אונז פאַרשלינגען
די שאָטנס פון נאַכט.

דער אַלטער שניידער.

ער זיצט און נייט שוין פילע יאָרן
און זיין בלייכער פּנים שוויצט, —
די באָרד איז אים שוין ווייס געוואָרן,
ווי דער פאָדם, וואָס ער ניצט.
נישטאָ כּמעט אין שטאָט אַ מייסטער,
וועלכן ער האָט נישט געדינט,
און דאָך האָט ער קיין סענט אין טייסטער
און קיין ברויט פאַר ווייב און קינד.

ער קומט־אַריין אין שאָפּ באַגינען
און פאַרדינגט שוין זיינע הענט, —
ער האַלט פאַראיינס אין איין פאַרדינען
און פאַרהולטעוועט קיין סענט.
ער שאַפט שוין, ווען עס גרויט דער מאָרגן
און ער שאַפט נאָך שפּעט ביינאַכט,
און אימער, אימער, וואו צו באָרגן
זיצט ער טרויעריג און טראַכט.

דער מייסטער איז מיט אים צופרידן,
דען ער טענהט נישט קיין סך,
ער מאַכט אין שאָפּ נישט קיין ירידן
און באַליידיגט נישט זיין פאַך.
ער קומט און גייט־אַוועק אין שטילן, —
ריידן, רעדט פאַר אים דער הוסט!

די טרער פאַרדעקן אים די בריקן
און דעם שמאַרץ פאַרדעקט די ברוסט.

די ארבעטסלייט, זיי אַלע קוקן
איוף דעם קראַנקן מיט אַ ווי,
זיי קוקן אויף זיין מידן רוקן,
וועלכער קרימט זיך ביים געניי.
זיי זעהען שוין דעם שוואַרצן זיגל,
פאַר זיין ערליכקייט די שטראָף...
זיי זעהען, פונקט ווי אין אַ שפיגל,
אין דעם אַלטן זייער סוף.

מיט מיין קינד.

דאָס וועטער איז ליבלאַך, איך גיי מיר אין גאַס,
מיט מיר גייט מיין יינגעלע קרענקלאַך און בלאַס.
ביים וועג אויף אַ קאָרנער דערזעהט ער אַ סטענד
און פאַנגט-אָן צו וויינען, און שטעלט-אויס די הענט.
ער ציט זיך אַהין, וואו עס ליגן די פרוכט,—
אָן עפּעלע, נעבאַך, ווי וואָלט ער פאַרזוכט!
עס חלשט דאָס הערצל, עס ברעכט, נעבאַך, שיער,—
ער קוקט אויף די פרוכטן מיט ווי און אויף מיר.
קינד מיינס, איך ווייס, וואָס דו ווילסט, וואָס דיר פעלט,
דאָך ניין, נישט פאַר אונז איז די פרוכט פון דער וועלט!

מיר גייען זיך ווייטער, מיין יינגעלע שוואַך
זעהט ווידער אַ פענסטער מיט צאַצקעס אַ סך.

ער קוקט אויף די גליקן מיט קינדערשן חן
און קוקט מיר אין פנים, צי ווייס איך זיין מיין.
ער פלוידערט, ער פלאַפּלט, ער וויינט און ער לאַכט
און ציט מיך דערווײַלע צום פענסטער באַזאַכט.
אַ־עטווידער שפּילצייג אַפּאַרט לאָקט אים אָן,
איך קוק מיט יסורים... אָ, וואָס זאָל איך טאָן?
אַ צאַצקעלע, נעבאַך, דאָס קינד איז געקוועלט,
דאָך ניין, נישט פאַר אונז האָט זי צאַצקעס, די וועלט;

נו, האָב איך מיט ערגערניש זיך און מיט כּעס
פאַרשוואָרן מיין קינד נישט צו נעמען אין גאַס,
ער בעט זיך און שרייט: „מיט דעם טאַטעניו גיין!"
עס רירט מיך, דאָך ענטפער איך טרויעריג: „ניין!"
איך ענטפער אים „ניין!" און איך פיל, איך פאַרגיי,
אַן עפּהלע, נעבאַך, געערגערט—ווי וויי!
ווי ביטער און וויי איז עס מיר און ווי ווינד
צו זעהן און צו פילן דעם צער פון מיין קינד!
און דאָך מיט אַ קול, האַלב-דערשטיקט פון געוויין,
אים ענטפערן: „שאַ!" און אים ענטפערן „ניין!"

די פאַרפירטע.

געדיינקסטו, ווי די האָסט מיר ליבע געשוואָרן?
געגרינט האָט דער עפּלבוים צווישן די קאָרן,
דער פייגל האָט רוהיג געבליקט פון די צווייגן—
און אַלעס אַרום איז געלעגן אין שווייגן...
אָ, וועד האָט עס דעמאָלט געוואוסט דיין כּונה?

געשטומט האָבן הימל און ערד און לבנה,
ווען דו האָסט געשוואָרן פאַר מיר מיט אַ פייער,
אַז אייביג פאַרבלייבסטו מיין אייציג-געטרייער,
דו האָסט מיך באַכשופט, דו האָסט מיך באַטרונקען,
איך בין ווי באַטויבט אין דיין אָרעם געזונקען...
אָ, דאַן איז דיין אומריינער וואונש דיר געלונגען,
דו האָסט אין מיין הייליגטום פרעך איינגעדרונגען,
מיין ערע געראויבט און מיין לעבן צוריסן,
מיך ביטער באַליידיגט און ענדליך פאַרשמיסן.

בין אָרים און עלנט, וואָס דאַרפסטו זיך שטערן?
פלעג איך ביי דיר שטענדיג זיך בעטן מיט טרערן.
און דו ביזט דאָך רייך און געבילדעט, און איידל...
גיי זוך דיר אַ שענערע, רייכערע מיידל!
אָ, זאָל מיך דאָס פייער פון עלנט פאַרברענען,
פלעג איך צו דיר זאָגן, דו דאַרפסט מיך נישט קענען,
פאַרגעס אָן מיין שיי הייט, איך דאַרף נישט קיין גבירות,
אָ, לאָז מיך אין אַרמוט, איך דאַרף קיין עשירות.—
געדיינקסטו די נאַכט, ווען מיר זיינען געגאַנגען?
דער מאָנד איז ווי זילבער אין הימל געהאַנגען,
פון גאָלדענע שטערן באַקראַנצט אין דער סביבה,
וואָס האָבן געשמייכלט, ווי קינדער נאַאיווע,—
געדיינקסט יענע נאַכט? אָ, דו דאַרפסט זי געדיינקען!
איך שיינק עס דיר, גאָט זאָל אין הימל דיר שיינקען!

איך האָב זיך ביי דיר מיט רחמנות געבעטן:
„אָ, רייס מיך נישט אויס, וועסט מיך שפעטער צוטרעטן...
אָ, לאָז מיך! איך וועל מיר צווישן די מאַשינען
אַן ערליכן מאַן, אַ געליבטן געפינען.
אַ שאַפ-מיידל בין איך, וואָס האָב איך צו קלייבן?

בין אָרים געבאָרן, וועל אָרים פאַרבלײַבן.״
דאָך דו האָסט מיט זיסע און קונציגע ווערטער
געשוואָרן, אַז דו גאָר מוזט זיין מיין באַשערטער.
צו־שיין בין איך, האָסטו געזאָגט, צו פאַרוויאַנען,
פאַר מיר איז אַ בעסערעס לעבן פאַראַנען.
געדיינקסטו די נאַכט?.. זי איז לאַנג שוין פאַרגאַנגען,
דער ווינטל האָט קוים וואָס געשאָקלט די זאַנגען,
אַרום די נאַטור האָט געקוקט און געשוויגן.
אָ, ווער האָט גערעכנט, דו זאָלסט מיך באַטריגן?
אַצינד, זאָגסטו, ווילסטו מיך מער נישט באַגעגנען.
איך האָב נישט דאַגעגן, איך קום זיך געזעגנען.
איך וויים, אַז דו גיסט זיך אַן אַנדערער איבער,
נו, ווינש איך דיר מזל־טוב... מזל, מיין ליבער!
דו ביזט קיין בעל־חייב. דיין שם איז גענעזן,
די שולד, זי איז מיינע, יאָ, מיינע געוועזן:
איך האָב נישט געגלויבט, אַז דו וועסט מיך באַרויבן,
איך האָב נישט געוואוסט נאָך דעם אומגליק פון גלויבן,
איך האָב נאָך די מענטשן גענוי נישט באַגריפן
און האָב נישט געוואוסט, אַז די צונג איז געשליפן.
ניין, דו ביזט נישט שולדיג, איך קום דיר פאַרצייען
איך וויל דיך פאַרלאָזן, איך וויל דיך באַפרייען, —
ווי קום איך, אַן אויסוואורף, אין עלנט געשלאָסן,
פאַרלאַנגען מיין מייסטערס אַ זוהן פאַר אַ חתן?

פאַרצווייפלטע קולות.

און כּל־זמן געלט וועט קלינגען,
וועט מען דאָס לידל זינגען.

די שטרייקנדע וועבער ציטערן:
„ווען וועלן מיר אָנהויבן לעבן?"
זיי הערן אַ קול אַ ביטערן:
„ווען איר וועט פאַרשטיין ווי צו וועבן..."

די שטרייקנדע פאַרבער פרעגן:
„ווילאַנג וועלן מיר פאַרדאַרבן?"
זיי ענטפערט אַ קול אַנטקעגן:
„ביז איר וועט פאַרשטיין ווי צו פאַרבן..."

די שטרייקנדע שניידער שטרייטן:
„ווילאַנג וועלן מיר מוזן ליידן?"
זיי ענטפערט אַ קול פון ווייטן:
„ביז איר וועט פאַרשטיין ווי צו שניידן..."

די שטרייקנדע מיינער קלאָגן:
„ווילאַנג וועלן מיר צרות האָבן?"
זיי הערן אַ שטימע זאָגן:
„ביז איר וועט פאַרשטיין ווי צו גראָבן..."

אַזוי נאָכאַנאַנד אַלע גייען
די פראַגן און ענטפערס, און קומען,—
איך הער זיך דאָס איין מיט אַ ווייען
און פרעג: ווען וועלן זיי פאַרשטומען?"

דער לייב.

וואָס רוקט איר אַלץ די פלייש אין זיך
און שמייסט צו מיר דיביינער ?
וואָס מיינט איר, וואָס ? אַ הונט בין איך,
אַ הונט מיט קהלשע ציינער ?

אַ הונט, וואָס לויפט-אַרויס אין גאַס
און נעכטיגט אויף די בריקלאַך,
און ווען אים פאַלט אַ ביין צום שפּאַס,
איז ער שוין איבערגליקליך ?

אַ הונט, וואָס כאַפּט אַ ביס אין קיך,
דערנידעריגט און שפל,
און לעקט דערפאַר דעם ווירט די שיך,
דער ווירטין די פּאַנטאָפל ?

אָ, ציטערט ! דען איך בין דער לייב,—
נישט שפּילט מיט מיר אין שפּיצלאַך,
דען קוים דערלאַנג איך מיך אַ הויב,
צופלייש איך אייך אויף פּיצלאַך !

איך קאָן די סטעפּ, איך קאָן דעם וואַלד,
איך בין אין יאַכט געבאָרן,
איך טו אַ ברום, עס ווערט אַ גוואַלד,—
און איר דערקאָנט מיין צאָרן.

נישט קוקט זיך איין, וואָס איך פאַרשווייג,

 נישט האַלט מיך פאַר אַ שוטה—
עס קומט דער טאָג, איך ברעך די שטייג
און איר בלייבט ליגן טויטע...

איך שטרייק.

אַ סוף זאָל דאָס נעמען מיט נאָדל און שער!
איך בין מער קיין שניידער, איך אַרבעט נישט מער!
איך טו מער קיין שניט נישט, איך טו מער קיין שטאָך—
געענדיגט אַן עסק און כאַפּט עס אַ בראָך!

איך אַרבעט און אַרבעט אַלץ, זייט איך געדיינק,
און וואָס האָב איך אָפּגעשפּאָרט, פרעגט מיך? אַ קריינק.
ווילאַנג איז דער שיעור צו פאַרבלייבן אַ פערד?
איך אַרבעט נישט לענגער און גייט עס אין דר׳ערד!

מען זאָגט, עס איז דאָ אַצינד אַרבעט לרוב,—
וואָס העלפט דאָס? איך בלייב אַלץ דערזעלבער בעל-חוב!
איך אַרבעט און אַרבעט און ווייסט איר, צו וואָס?
צו שפּייזן אַ סוועטער, אַ לומפּיגן באָס.

אָ, זייט איך בין שניידער האָב איך שוין צונייט
אַ ים מיט מלבושים, אַ וועלט שוין באַקליידט—
דאָך וואָס קומט-אַרויס, צי איך ניי, צי איך סטאָפּ,
אַ שרפה מעג קומען אַלצאיינס אויף דער שאָפּ.

צו די וועלט־פאַרשלינגער.

אַ ביסל מער, אַ ביסל קנאַפּער,
וואָס האַבעוועסטו, שאָטנכאַפּער?
וואָס ניצט דאָסווילדע יאָגן?
ווען דאָס פאַרבלייבט דעם קברס קרבן
און אַלעס, וואָס דו האָסט דערוואָרבן,
וועט מער קיין טאָג באַטאָגן!

דער שוואַרצער קאָסעמאַן וועט קומען
און וועט דיר דיינע שענסטע בלומען
פון לעבנספעלד פאַרשניידן;
דו מעגסט ווי פעסט זיך געגנשטעלן,
דער טויט מוז הערן צייטס באַפעלן
און קיינס און קיינעם מיידן

ס׳פאַרלאָזן, ענדליך, דיך געבראָכן
דיין מוט, דיין קראַפט און דיין נצחון,
אָ, שרעקליכע מרידה!
אַ קאַלטער שוים באַגיסט די ליפּן —
דאָס קומט די גסיסה אָפּצוקניפּן
דעם לעבנס לעצטע חידה.

דו רופסט אום הילף און בלייבסט באַטראָגן,
דו זעהסט די ענדע פון דיין יאָגן,
וואָס האָסטו דאָ דערוואָרבן?
וואו איז דיין גליק? אָ, אָרמער יעגער!

עס קומען קאַלטע מיטה-טרעגער,—
אַ בעטלער איז געשטאָרבען!

אַ ביסל מער, אַ ביסל קנאַפּער,
עס גייט-אַרום אַן אַלטער לאַפּער,
אַ מוראדיגער האַסער,
און לאַפּט-צו אַלעס, אַלעס, אַלעס,
און וואַרפט עס אין די שטומע כוואַליעס,
פון דעם פאַרגעסנהייטס-וואַסער.

דער ברעדלי-מאַרטין-באַל*).

דאָס איז דער ברעדלי-מאַרטין-באַל
פול פרעכטיגקייט און צויבער!
דאָס טאַנצן ווילד אין וואַלדאָרפס זאַל
דעם פאָלקס מיליאָנען רויבער.

דאָרט פליסט דער וויין, דאָרט רוישט מוזיק,
דאָרט איז דער עולם הייטער;
דאָרט גייט די צייט, די וועלט צוריק,
אַנשטאָט צו שפּאַנען ווייטער.

דאָרט קאָסט אַ הונדערטער אַ בלום,
און טויזענטער אַ שטיינדל,

*) דאָסדאָזיגע געדיכט איז געשאַפען געוואָרן אין דער צייט פון דעם גרויס קריזיס אין אמעריקע, ווען מענטשן זיינען געשטאָרבען אין די גאַסן פון הונגער. מרס. ברעדלי מאַרטין האָט דאַן געמאַכט אַ גלענצענדן מאַסקנבאַל.

און מער, נאָכמער נאָך אַ קאָסטיום,
אין מער אַ פֿאַלשער חנדל.

דאָך דאָס איז אַלעס שוין געווען,
נישטאָ אין דעם קיין נייעס,
די אַלטע וועלט האָט שוין געזעהן
פיל גרעסערע הולטאַיעס.

ס׳איז נישט דער ערשטער מאַסקנבאַל,
אויף דער היסטאָריעס סצענע,
און זיין דער סוף וועט פון דעם טאַנץ
אַזוי ווי דעמאָלט יענע...

* * *

דאָס איז דער ברעדלי-מאַרטין-באַל,
אַכטהונדערט געסט צוזאַמען!
דאָ אַרבעט אַלעס מיט דער גאַל,
די פרינצן נאָכצואַמען.

דאָך אונזער חברה פֿאַלט עס שווער,
דאָ העלפט עס אויך קיין מינץ נישט,
דער גרעסטער הולטאַי-מיליאָנער
איז לאַנג נאָך אַלץ קיין פרינץ נישט...

נאַר עט! וואָס ווייסן זיי פון שאַנד,
ווער קאָן עס זיי דערקלערן,
זיי זיינען הערשער דאָ אין לאַנד,
זיי זיינען מיליאָנערן!

זיי הערשן ווילד אין יעדן אָרט
מיט שטאָלצער פרעכער מינע,
זיי הערשן דאָ, זיי הערשן דאָרט,
באַהערשן די מדינה.

ווען זיי פאַרווילט זיך... נאָר געווג!
מען ווייס, מען ווייס, איך רעכן,
אַז ביז אַ צייט נאָר דינט דער קריג—
ער מוז זיך, ענדליך, ברעכן...

* * *

דאָס איז דער ברעדלי-מאַרטין-באַל!
דאָ האָט דער גאָלדנער גולם
אַ פּאַראַדיז אין יאָמערטאָל,
אַ טאַנץ אויף דעם בית-עולם.

דאָ זעהט די מאַסע, קראַנק און בלאַס
פאַרהונגערט און צופראָרן,
דער שענסטער בעסטער מענטשנקלאַס
מוז שטיין אין גאַס און שנאָרן.

אָט האַלטן זיי איצט אויסגעשטרעקט
די הענט, די איגנאָראַנטן,
וואָס האָבן וואַלדאָרפס געסט באַדעקט
מיט בלומען און בריליאַנטן.

און מיסיס ברעדלי מאַרטין לאַכט,
די „פירשטין פון נאַוואַראַ!"

אוי ווי! אַזויפיל גלאַנץ און פּראַכט
אין אָט דער נויט-זאַהאַראַ!

אוי ווי! צו מיידן נאָך די שטראָף
און זיין אַזויפיל שולדיג,—
אַ, פּאָלק, ווען וואַכסטו אויף פון שלאָף,
ווען ווערסטו אומגעדולדיג!

אין טרוים.

גאַנץ אָפּט אויף מיין געלעגער,
אינמיטן פון דער נאַכט,
דערשיינט פאַר מיר דער ווערקשטאַט,
דער אַלטער ווי דערוואַכט.

אַ צימער, שוואַרץ און רויכיג,
די לופט, פאַרשטיקט און הייס,
איך שאַפ מיט אַלע כוחות,
פון פנים רינט דער שווייס.

די רעדער טומלען שרעקליך,
דער מייסטער קוקט מיט כעס,
אין מוח רעשט אַ רעיון
און טרייבט צו משוגעת.

איך קרעכץ און צייל די שעהן,

וואָס ציען זיך, ווי טעג,
און קלער, ווען וועט דאָך ענדן,
ווען קומט דאָס צו אַ ברעג?

דאָך פּלוצלונג פּייפט דער מיטאָג,
איך זיפץ אַ שווערן „אַך!"
דאָס שרעקנסבילד פאַרשווינדט קאַלט,
איך וויין—און איך דערוואַך!

אַ נבואה.

אַזוי ווי איר קאָנט די געפערליכע מויל
פון ווילדן וואולקאַן נישט פאַרמאַכן
ווען פּלוצלונג ער קאָכט זיך פאַנאַנדער מיט גרויל
און וואַרפט פון זיין גליענדן ראַכן
די יאָרנלאַנג קלייענדע גלוט מיט אַ גוואַלט,—
אַזוי וועט איר אויך נישט פאַרמאַכן
דעם קראַטער פון צאָרן, ביי דעם, וואָס איר האַלט
פאַרשקלאַפט איצט, ווען ער וועט דערוואַכן!

און שטיל, דאַכט זיך, רוהיג, פון אויפרעגונג וויים
און גיט זיין געדולט אייך צושטייער,
דאָך טיף אין זיין בוזם פאַרפאַרטיגט די צייט
אַ גרויסן און שרעקליכן פייער...
און ווי, ווען דערדאָזיגער פייער ברעכט-אויס,
אָ, ווי אייך פאַר יענע מינוטן,

ווען, ענדליך, עס ווילן מיט שרעקן אַרויס
די יאָרנלאַנג קלייענדע גלוטן!

אויף אייערע טעמפּלען, אויף אייער פּאַלאַסט,
אויף אייערע סאַלאָנען זיך שפּרייטן
וועט יענער געוואַלטיגער פלאַם מיט אַ האַסט,
אויף אייערע ווענט מיט די קווייטן.
אין בלומענטאָפּ וועט ער פאַרצערן די רויז,
וואָס בליט אייער ברוסט צו פאַרצירן
און לאָזן אייך נאַקעט און לאָזן אייך בלויז
איז שאַנדע צום קבר מאַרשירן.

צושמאָלצן וועט ווערן דער גאָלדענער געץ,
פאַר וועלכן איר קניט און איר פלאַטערט,
און איר אין זיין הייסן און בלוטיגן פּעטס
וועט ווערן צוקאָכט און צופּטרט.
זאָגאַר אויף די בערג וועט איר טרעפן דעם בראַנד,
פאַרצערן דעם שפּיל פון די אייכן.
אומזיסט וועט איר הויבן צום הימל די האַנט —
איר וועט אים נישט קאָנען דערגרייכן!

דען העכער וועט ווערן אין יענעם מאָמענט
דער הימל, גאָט וועט זיך דערהויבן
און אָפּקערן פון די פאַרבלוטיגטע הענט,
פאַרשמירט פון רציחה און רויבן.
און איר וועט דאַן בלייבן אַרויב צו דעם כעס,
וואָס איר נאָר אַליין האָט באַשאַפן
דורך אייער צולאָזנקייט און משוגעת —
אין אייערע עלנטע שקלאַפן...

פון מזרח ביז מערב וועט גרייכן דער פלאַם,
פון דרום ביז צפון זיך ציען,
ער וועט, ווי אַ וואונדער אַריבער דעם ים,
און קומען, ווי כשוף צופליען.
עס וועט קיין פאַרלעגענער ווינקל נישט זיין,
וואו איר וועט זיך קאָנען פאַרשטעקן,
דען העל וועט עס זיין איבעראַל פון אַ שיין,
וואָס וועט אויף אייך ווייזן מיט שרעקן.

אָ, דאַן וועט איר זעהן אייער שרעקליכן סוף,
פון וועלכן איר ווילט איצט נישט הערן,
דאָס וועלטגעריכט וועט אייך באַשטימען די שטראָף,
און איר וועט נישט קאָנען זיך ווערן.
איר וועט, ווי אַ חלום אין טונקעלער נאַכט
פאַרשווינדן אין רויך און אין שאָטן,
און ענדיגן וועט זיך די הערשאַפט פון מאַכט,
געשטיצט אויף דער קראַפט פון האַרמאַטן!..

ד. עדעלשטאַדט.

אַרבעטער-פרויען.

אַרבעטער-פרויען, ליידנדע פרויען!
פרויען, וואָס שמאַכטן אין הויז, אין פאַבריק,
וואָס שטייט איר פון וויטן? וואָס העלפט איר נישט בויען
דעם טעמפל פון פרייהייט, פון מענטשליכן גליק?

העלפט אונז טראָגן דעם באַנער דעם רויטן
פאָרוועדטס, דורך שטורם, דורך פינסטערע נעכט!
העלפט אונז אמת און ליכט צו פאַרשפרייטן
צווישן אומוויסנדע עלנטע קנעכט!

העלפט אונז די וועלט פון איר שמוץ צו דערהויבן
אָפּפערן אַלעס, וואָס אונז איז נאָר ליב,
קעמפן צוזאַמען, ווי מעכטיגע לייבן
פאַר פרייהייט, פאַר גלייכהייט, פאַר אונזער פרינציפּ!

נישט איינמאָל האָבן שוין אײדעלע פרויען
געמאַכט ציטערן היינקער און טראָן:
זיי האָבן געצייגט, אַז מען קאָן זיי פאַרטרויען
אין ביטערסטן שטורם די הייליגע פאָן.

דערמאָנט זיך אָן אייערע רוסישע שוועסטער,
דערמאָרדעט פאַר פרייהייט פון צאַר, דעם וואַמפּיר,
פאַרמאַטערט ביז טויט אין די שטיינערנע נעסטער,
פאַרגראָבן אין שנייען פון ווייטן סיביר.

געדיינקט איר די נעמען, די הייליגע נעמען:
פּעראָווסקאַיאַ, העלפמאַן, גינזבורג און נאָך
טויזנטער, וואָס פלעגן זיך שעמען
צו טראָגן געהאָרכזאַם דעם שקלאַפנ־יאָך

זיי זיינען אין שטורם אַזוי העלדיש געשטאַנען,
געטראָגן אין פינסטערניש האָפנונג און ליכט,
נקמה גענומען אין ווילדע טיראַנען,
שטאָלץ געקוקט דעם טויט אין געזיכט!

גערדיינקט איר זיי? דאַן זאָל זייער לעבן
באַגייסטערן אייך! איר זאָלט מיט ערפאָלג
לערנען און דיינקען, קעמפן און שטרעבן
צו פרייהייט און גליק פאַר דאָס אַרבעטערפאָלק.

נאַטור און מענטשן

ווי זאָל איך, ברידער, פריילאַך זינגען
ווען האַס און קריג איז איבעראַל?
עס שיינט מיר, טיפע שמערצן קלינגען
אויך אין דעם ליד פון נאַכטיגאַל!

עס שיינט מיר, אַז דער מאָנד און שטערן,
די זילבערווייסע ליליענבלום,
זיינען פול מיט הייסע מענטשנטרערן,
און זיינען פון שרעקן בלאַס און שטום...

ווען מענטשן ליידן, קלאָגן, זאָרגן,
קאָן די נאַטור דען פריילאַך זיין?
ניין, טרערן בלוטיגע פאַרבאָרגן
זיינען אין איר רויטן זונענשיין!

זי זעהט, ווי אירע מענטשנקינדער
האָבן פאַרוויסט די שיינע וועלט,
און אירע ליבלינגען, ווי רינדער,
ווערן געשעכט, פאַרקויפט פאַר געלט...

און די נאַטור גיסט פערל-טרערן
און מיט איר וויינט דער בלומענטאָל;
עס וויינט די זון, לבנה, שטערן,
און טרויעריג קלאָגט די נאַכטיגאַל...

עס קלינגען-אָב די שמערצן-לידער
אין ברוסט פון ליידענדן פּאָעט,
און פאַר דער מענטשהייט קניט ער נידער
מיט הייסע טרערן און געבעט.

אָ, מענטש! פאַר ליבע, גליק און לעבן
האָט די נאַטור די וועלט געשאַפט!
דיר איז אַ פרייע ערד געגעבן—
דאָך איצט איז ערד און מענטש פאַרשקלאַפט!

ווער זיינע ברידער קאָן פאַרשקלאַפן,
פאַרגיסן בלוט—דער איז אַ העלד.
אָט זיי, די הייבקער זיינען גראַפן,
מאָנאַרכן, קעניגן דער וועלט.

פאַראַן אויך פרייע רעפּובליקן,
וואָס זיינען פריי אויף דער פּאַפּיר,
און פול מיט שקלאַפן די פאַבריקן,
און יעדער הערשער — אַ וואַמפּיר.

איך רוף צו אייך, פאַרשקלאַפטע ברידער,
וואַכט-אויף, פאַראייניגט מוט און קראַפט,
און שטירצט די ווילדע הערשער נידער—
דאַן לעבט און ליבט, געניסט און שאַפט.

און די נאַטור וועט פריילאַך זינגען,
פריי אָטעמט-אויף דעם דיכטערס ברוסט,
און זיינע לידער וועלן קלינגען
מיט פרייער ליבע, גליק און לוסט!

וואַכט-אויף.

ווילאַנג, אָ, ווילאַנג, וועט איר בלייבן אַלץ שקלאַפן,
און טראָגן די שענדליכע קייט?!
ווילאַנג וועט איר גלענצנדע רייכטימער שאַפן
פאַר דעם, וואָס באַרויבט אייער ברויט?!

ווילאַנג וועט איר שטיין, אייער רוקן געבויגן,
דערנידערט, היימלאָז, פאַרשמאַכט?
עס טאָגט! וואַכט-אויף! עפנט די אויגן!
דערקאָנט אייער אייגענע מאַכט!

פריידיגט די פרייהייט פון קאַמף-באַריקאַדן,
דערקלערט די טיראַנען אַ קריג!
מוט און אַנטשלאָסנהייט, בראַווע קאַמראַדן,
וועלן אייך פירן צום זיג!

קייטן און טראָנען—אַלעס מוז פאַלן,
אונטער דעם אַרבעטערס שווערד!
מיט דופטיגע בלומען, מיט גאָלדענע שטראַלן
וועט פרייהייט באַצירן די ערד!

און אַלעס וועט לעבן, לעבן און בליען,
אין פרייהייטס גאָלדענעם מאַי!
ברידער, געענוג פאַר טיראַנען צו קניען—
שווערט, אַז איר מוזט ווערן פריי!

קלינגט איבעראַל אין די פרייהייטסגלאָקן,
פאַרזאַמלט די ליידנדע קנעכט!
און קעמפט באַגייסטערט, קעמפט אומדערשראָקן
פאַר אייערע היילינע רעכט.

צו די גענאָסן.

די נאַכט איז פינסטער, מען זעהט נישט קיין שטערן,
דער הימל איז שוואַרץ, ווי די ערד,
ווילד רוישט דער ים פון מענטשליכע טרערן,
עס הערש נאָר הייגקער און שווערד.

די וואָרהייט ליגט עלנט, אין קייטן געשלאָסן,
פאַרוואונדעט פון שרעקליכן פיינט,
אָ, וואָרהייט! וואו זיינען דיינע טרייע גענאָסן?
וואו זיינען דיינע ערליכע פריינט?

פאַרוואָס קומען זיי נישט היילן דיינע בלוטיגע וואונדן
און טאָן זייער מענטשליכע פליכט?

איז דען אויף אייביג די זון שוין פאַרשוואונדן,
פאַרלאָשן דאָס הייליגע ליכט?

איז דען די גייסטיגע מענטשהייט געשטאָרבן—
עס לעבן נאָר הייזקער און קנעכט?
און אַלעס, וואָס העסליך איז, שמוציג, פאַרדאָרבן,—
נאָר דאָס האָט צו לעבן דאָס רעכט?

ניין, ברידער, איך קאָן נישט, איך וויל דאָס נישט גלויבן!
מיר לעבן פאַרמאַטערט, פאַרשקלאַפּט,
אין שטייגן פאַרצוימט, ווי געפאַנגענע טייבן,
אָבער דאָך איז נישט טויט אונזער קראַפט!

אָט די מענטשליכע קראַפט קאָן נאָך וואונדער באַווייזן
ווען דער שטורם, ער וועקט אונזער גייסט,
ווי מיט צויבער צושמעטערט זי שטיינער און אייזן,
אויף שטיקער די קייטן צורייסט!

דער קאָן נישט די האָפנונג אויף פרייהייט פאַרלירן,
ווער עס וייס די געשיכטע דער וועלט,
נאָר אין דער פינסטערניש קאָנען רעגירן
גוואַלטטאַטן, שווינדל און געלד.

דאָך ווי עס קומט נאָר דער ליכטיגער מאָרגן,
איז הייזקער און טראָן אין געפאַר,
אַלעס שלעכטעס, וואָס איז אינדערפינסטער פאַרבאָרגן,
ווערט דעם פאָלק דאַן פאַרשטענדליך און קלאָר.

עס ברעכן די קייטן, עס פאַלן די טראָנען,
עס רעגירט נאָר דער פרייער פאַרשטאַנד,

מען ברויכט נישט קיין ברויט, מען דאַרף קיין קאַנאָנען,
ליבע און ערע באַוואוינען דאָס לאַנד.

און ווען איר האָט האָפנונג, פאַרלירט נישט דעם וואָפן,
וואָס קאָנען אייך פירן צום זיג,
פאַרלירט נישט די וואָרהייט, זי קעמפט פאַר די שקלאַפן,
פאַר מענטשליכע פרייהייט און גליק!

זעהט, ווי די וואָרהייט איז עלנט, באַגאָסן
מיט אַ בלוטיגן טייך—
קומט צו איר, רעטעט זי, ברידער, גענאָסן!
זי קעמפט און בלוטעט פאַר אייך!

דער יידישער פראָלעטאריער.

ברידער, מיר טראָגן די דרייפאַכע קייט—
אַלס יידן, אַלס שקלאַפן, אַלס דיינקער:
מיר ווערן געיאָגט און געמאַטערט צום טויט
פון אַנטיסעמיטן און היינקער!

די בלימעלאַך יונגע, וואָס פאַנגען ערשט אָן
צו לאָזן די איידעלע קוויטן,
ווערן צוטראָטן פון גאָלדזעק און טראָן,
פאַרמאַטערט אין שקלאַפן-קייטן!

מען מאַכט אונז פאַר בעטלער, מען מאַכט אונז פאַר קנעכט,
מען ווערגט אונז, מען בויגט אונז אין דרייען,
מען זאָגט אונז: אַלעס דאַרף זיין פאַר אייך רעכט
און רויבט מען אייך—טאָרט איר נישט שרייען!

דאָך, ברידער, עס לעבט נאָך דער הייליגער גייסט,
וואָס מאַכט פאַר אַ העלד אויך דעם שלאַפן,
וואָס וואַרפט-אום די טורמעס, די קייטן צורייסט
און באַפרייט די פאַרמאַטערטע שקלאַפן!

ער וועט אונז העלפן, כון דרייפאַכן פלוך
די ארבעטערמאַסע דערלייזן,
נאָר דאַן וועט די מענטשהייט איר שווער טאָגבוך
אָהן טרערן, אָהן שאַנד קאָנען לעזן!

ברידער, מיר מוזן די ליידנדע ערד
פון קייטן, פון טרערן באַפרייען!
אַקסל צו אַקסל, מיט פאַנצער און שווערד
פאָרוועֶרטס אין די קעמפנדע רייען!

וואָס שווערער דער קריג, אַלץ זיסער דער זיג,
אַלץ פראַכטפולער זיינען די פירות!
און ווער עס פאַלט אין פרייהייטס-קריג,
דער לעבט אין די קומענדע דורות!

וואָס טויג אונז דאָס לעבן אָהן פרייהייט, אָהן רעכט
אונטערן בייטש פון טיראַנען?
ביז וואַנען וועלן מיר בלייבן נאָר קנעכט,
היימלאָזע שקלאַפן—ביז וואַנען?!

ברידער, שווערט דער פאַרבלוטיגטער ערד,
דאָס פאָלק פון טיראַנען באַפרייען!
אַקסל צו אַקסל מיט פאַנצער און שווערד
פערוועדטס אין די קעמפּנדע רייען!

די שבועה.

מיר לייגן די הענט אויפן האַרצן און שווערן
ביי דער אַרבעטער-פאָן, ביי אָן אייגן לאַנד,
ביי אַלץ, וואָס מיר ליבן, און הייליג מיר ערן
ביי אונזערע העלדנס צובראָכענעם שווערד.

ברידער און שוועסטער, גענוג שוין צוליידן,
גענוג שוין, גענוג שוין שקלאַפּן צו זיין!
מוטיג, מוטיג צום קאַמף פאַר דער פרייהייט!
מוטיג, מוטיג צום הייליגן קאַמף!

ביי אונזער געשיכטע, וואָס איז אָנגעשריבן
מיט אונזערע טרערן, מיט אונזער בלוט,
ביי אַלץ, וואָס מיר שווערן דאָס פאָלק הייס צו ליבן,
צו קעמפן פאַר אים מיט ענערגיע, מיט מוט.

מיר שווערן, די קייטן צורייסן אויף שטיקער
פון אונזערע געבונדענע פאַרוואונדעטע הענט!

אַרונטערצושמייסן דעם יאָך פון די דריקער!
צו שטירצן די געטער פון די פינסטערע ווענט!

מיר שווערן מיט ליבע, מיר שווערן מיט טרייהייט
צוריק דאָס געווער נישט לייגן פון האַנט,
ביז וואַנען מיר וועלן דערקעמפן די פרייהייט,
אַ נאָרמאַלעס לעבן און אַן אייגן לאַנד!

ווען אויך צו שטאַרבן אינמיטן דעם שטרעבן
איז אונז נישט באַשערט צו קומען דאָרט,
דאַן וועלן מיר אַנדערע דעם גייסט איבערגעבן,
זיי זאָלן פאַרטרעטן אין קאַמף אונזער אָרט!

אין קאמף.

מיר ווערן געהאַסט און געטריבן,
מיר ווערן געפּלאָגט און פאַרפּאָלגט,
און אַלעס דערפאַר, ווייל מיר ליבן
דאָס אָרימע שמאַכטנדע פאָלק.

מיר ווערן געשאָסן, געהאַנגען,
מען באַרויבט אונז דאָס לעבן און רעכט,
דערפאַר, ווייל מיר אמת פאַרלאַנגען
און פרייהייט פאַר אָרימע קנעכט.

אָבער אונז וועט נישט דערשרעקן

געפענגניש און טיראַניי:
מיר מוזן די מענטשהייט אויפוועקן
און מאַכן זי גליקלאַך און פריי.

שמידט אונז אין אייזערנע קייטן,
ווי בלוטיגע חיות אונז רייסט—
איר וועט אונזער קערפער נאָר טויטן,
אָבער נישט אונזער הייליגן גייסט.

טיראַנען, איר קענט אים נישט טויטן,
דאָס איז אַן אומשטערבליכע בלום;
אירע שמעקנדע פלאַמענדע קוויטן
בליען שוין יעצט אומעטום.

זיי בליען אין דיינקענדע מענטשן,
וואָס ליבן גערעכטיגקייט, ליכט;
אַליין די נאַטור טוט זיי בענטשן
צום קאַמף, צו דער הייליגער פליכט.

באַפרייען די אָרימע שקלאַפן,
וואָס שמאַכטן אין הונגער און קעלט,
און פאַר דער מענטשהייט באַשאַפן
אַ פרייע, אַ ליכטיגע וועלט.

וואו עס זאָל נישט גיסן קיין טרערן,
נישט פליסן אומשולדיגעס בלוט
און מענטשן, ווי גלאַנצנדע שטערן,
שיינען מיט ליבע און מוט.

איר קאָנט אונז דערמאָרדן, טיראַנען:

נייע קעמפער וועט ברייגגען די צייט!
און מיר קעמפן, מיר קעמפן ביז וואַנען
די גאַנצע וועלט וועט ווערן באַפרייט.

די אָוונטגלאָק

אָ, מוזע, רוף מיך נישט, מיט דיינע צויבערפינגער,
וועק נישט די סטרונעס פון מיין קראַנקן האַרץ!
פאַרמשפט איז צום טויט דיין בלאַסער זינגער,
צו ענדע איז דאָס ליד פון קאַמף און שמאַרץ.

זיין וועג איז זייער שווער, ער האָט אויף אים באַגעגנט
דערנער, שטיינער, פאַרליימדונג, הונגער, נויט און קעלט—
עס האָט געבליצט, געדונערט און גערעגנט
און ער האָט אָפּדאַכלאָז געוואַנדערט אויף דער וועלט.

איצט קלאַפּט דער טויט אין זיין לעבנס-קאַמער,
ער זאָגט: צו ענדע איז דיין אַרבעטסטאָג,
פאַרלעש דיין פייער, לייג-אַוועק דיין האַמער;
קום! דו הערסט?.. עס קלינגט די אָוונטגלאָק.

עס קלינגט די אָוונטגלאָק, יאָ, איך הער זי קלינגען,
מיין טויטאורטהייל הער איך אין איר קלאַנג,
און לעבן ווילט זיך... עס ווילט זיך טרוימען, זינגען,
קעמפן געגן יעדן שקלאַפנצוואַנג...

איך וואָלט געוואָלט, אָ, פאָלק! דיין רויטן זעגל
באַך מאַכן רויטער מיט מיין האַרצנס בלוט...
און, ווי אַ לייב מיט זיינע שאַרפע נעגל,
דיין פיינט באַקעמפן מיט שטאָלצן העלדנמוט.

דאָך, וואָס נוצן די הייליגסטע פאַרלאַנגען?
צו ענדע איז מיין לעבנסשטורם-טאָג!—
צו ענדע—טרוימען, טרערן און געזאַנגען,
ער רופט, דער טויט, עס שלאָגט די אָוונטגלאָק.

מיין צואה.

אָ, גוטע פריינט! ווען איך וועל שטאַרבן,
טראָגט צו מיין קבר אונזער פאָן—
די פרייע פאָן מיט רויטע פאַרבן,
באַשפריצט מיט בלוט פון אַרבעטסמאַן!

און דאָרט אונטער דעם באַנער רויטן,
זינגט מיר מיין ליד, מיין פרייעס ליד!
מיין ליד „אין קאַמף,“ וואָס קלינגט ווי קייטן—
פון דעם פאַרשקלאַפטן קריסט און ייד.

אויך אין מיין קבר וועל איך הערן,
מיין פרייעס ליד, מיין שטורמליד,

אויך דאָרט וועל איך פאַרגיסן טרערן
פאַר דעם פאַרשקלאַפּטן קריסט און ייד!

און ווען איך הער די שווערדן קלינגען,
אין לעצטן קאַמף פון בלוט און שמאַרץ—
צום פאָלק וועל איך פון קבר זינגען
און וועל באַגייסטערן זיין האַרץ!

די פרייהייטסגעטין:

יונגע קעמפער, אין פרייהייטסקריג,
האַלט פעסט דעם באַנער דער וואָרהייט!
נישט לאָזט זיך פאַרבלענדן פון אַ לייכטן זיג,
וואָס פירט נישט צו ווירקליכע פרייהייט!

נישט לאָזט זיך נאַרען פון קנאַק-ראַקעטן
דער שמייכלענדער פּאָליטיק!
נישט פון רייכסטאָג קומט די פרייהייטסגעטין,
נישט אין שטימקאַסטן ליגט אונזער גליק.

איהר זעהט אָט יענע פינסטערע גריבער,
וואו עס הערשט פאַרצווייפלונג און שמאַרץ,
וואו עופעלאַך שטאַרבן אין הונגערפיבער
אויף דער בלוטנדער מוטערהאַרץ.

וואוהין די זון קומט קיינמאָל נישט אַריין
מיט אירע ליכטיגע שטראַלן,
נישטאָ קיין מוזיק, עס פינקלט קיין ווײַן
אין גאָלדענע באָקאַלן.

וואו דער, וואָס בויט דעם רייכן פּאַלאַסט
פירט דורך די אייזנבאַנען,
בלוטעט אונטער דעם שווערן לאַסט,
פון אויסבייטער און טיראַנען.

וואו קיינער האַלט נישט קיין גלעצנדע רעדעס
פון פאַרשימלטער פּאָליטיק,
וואו די גאַסע וועלן זיינען די עדות—
פון אַ ביטערן לעבנסקריג.

וואו אויגן זיינען אין טרערן פאַרשוואומען,
און מיט בלוט איז באַפלעקט די ערד—
אָט פון דאָרט וועט די פרייהייטסגעטין קומען,
מיט איר הייליגן פלאַמענדן שווערד.

זי וועט קומען אויף דעם געשריי פון קרבנות
דער בלוטיגער טיראַניי.
זי וועט קומען, געפאָלגט פון יונגע אלמנות
און יתומים דער שקלאַפעריי.

זי וועט קומען צו רעטן די עלנדע, שוואַכע
פון דעם אויסבייטערס אייזערנע רוט;
זי וועט קומען נעמען גערעכטיגע ראַכע
פאַר יעדן טראָפּן אַרבעטערבלוט.

זי וועט פאַרייניגן אַלע נאַציאָנען
מיט איר זיסן, הייליגן קוש,
אויף די צושמעטערטע קייטן און טראָנען
וועט רוען איר אייזערנער פוס.

און איך שווער, זי וועט אויף אייביג באַגראָבן
די פאַרפעסטעטע קירכע און שטאָט,
און נאָר דאַן וועסטוווירקליכע פרייהייט האָבן,
פאַרשקלאַפטער פּראָלעטאַריאַט!

מיין לעצטע האפנונג.

אין שטורם און קאַמף איז מיין יוגנט פאַרשוואונדן,
פון ליבע, פון גליק האָב איך קיינמאָל געוואוסט,
נאָר בלוטיגע טרערן און בלוטיגע וואונדן
האָבן געקאָכט און געברענט אין מיין ברוסט

פרי האָב איך מיין הויז און מיין היימאַט פאַרלאָרן,
פון קינדהייט האָט מיך שוין דער שיקזאַל פאַרפאָלגט,
פאַרגיפטעט האָט ער מיינע בליענדע יאָרן,
און אימער געמאַטערט, געקוועלט און געיאָגט.

פרי זיינען געשטאָרבן מיינע האָפנונגען זיסע,
פרי האָב איך דערזעהן דעם ווילדן קאָנטראַסט —
דאָס אַרבעטערפאָלק אין אַ פינסטערער תפיסה,
און שווינדלער, באַטריגער אין אַ רייכן פּאַלאַסט.

אַגעוואַלטיגער שטורם האָט מיין זעלע צוציטערט,
און איך האָב געשוואָרן ראַכע און טויט,
צו אַלעם, וואָס האָט אונזער לעבן פאַרביטערט,
געמאָרדעט, באַרויבט אונזער פרייהייט און ברויט.

פאַר אלעס, וואָס דעם מענטשן איז הייליג און טייער,
האָב איך גערופן צום קאַמף מיט געוויין,
אין מיין האַרץ האָט געפלאַקערט אַ הייליגער פייער,
מיין לעבן, מיין גאָט איז די מענטשהייט אַליין!

עס האָבן געלאַכט די אומוויסנדע שקלאַפן:—
„משוגענער דיכטער, הער-אויף דיין געשריי,
„וואָס ווילסטו מיט פרייהייט, מיט קאַמפן, וואָפן?
די רייכע זיינען מעכטיג און די וועלט איז פאַר זיי!"

עלנט בין איך אין דעם שטורם געשטאַנען,
מיין עלנדער קאַמף האָט געהאַט קיין ערפאָלג,
עס הערשן ווי אימער די ווילדע טיראַנען,
עס בלוטיגט ווי אימער דאָס אָרימע פאָלק.

אָ, שיקזאַל, דו האָסט נישט געלאָזט מיך דערווערבן,
אַ פונק פון פרייהייט, פון מענשליכע רעכט,
שקלאַף בין איך געווען, אָ, לאָז מיך פריי שטערבן
פאַר דער באַפרייאונג פון ליידנדע קנעכט!

באַרויב נישט ביי מיר מיין האָפנונג זיסע,
מיין לעצטע האָפנונג אַ מינוט פאַר מיין טויט:
זעהן, ווי דאָס פאָלק וועט צוברעכן זיין תפיסה,
און וועט זיך באַפרייען פון הונגער און נויט...

מיין טרוים.

איך האָב געטרוימט פון ווייסע בלומען,
ווייס, ווי געפאַלענער שניי,
זיי זיינען אין מיין צימער געקומען,
איך ווייס נישט ווי אַזוי.

זיי האָבן מיט זיידענע קווייטן באַרירט
שטיל מיין הייסן שטערן,
איך האָב אויף מיין קראַנקער ברוסט געשפּירט
זייערע פּערלטרערן.

איך האָב געפילט, ווי פון יעדער בלום
גיסט זיך אַריין אין מיין האַרצן
אַ וואונדערבאַרער זיסער פאַרפום,
וואָס היילט מיינע אַלע שמאַרצן

אין פענסטער צו מיר האָט אַריינגעבליקט
די שיינע, בלאַסע לבנה,
איך פרעג זי: ווער האָט מיך באַגליקט
מיט דער גן-עדן-מתנה ?

זי קוקט מיך אָן מיט די זילבערנע שטראַלן,
און פליסטערט שטיל צו מיר:
„די בלומען זיינען אַראָפּגעפאַלן
פון אַ הייליגן בוזים צו דיר!"

די פרייהייטסגעטין איז געפלויגן
שטיל דורך דער שקלאַפנוועלט
עס האָבן באַמערקט אירע הימלישע אויגן
דעם אָרימען דיכטערס געצעלט.

בלאַס, אַליין, פון דער וועלט פאַרגעסן,
ווייט פון איר שמוץ און שוים,
איז ער מיט זיין פעדער אין האַנט געזעסן
פאַרטיפט אין אַ פרייהייטסטרוים.

מיט טרערן האָט די געטין געבליקט,
אויף איר בלאַסן זינגער,
און האָט פון איר בוזים די בלומען
גענומען מיט ציטערנדע פינגער.

„ער טרוימט פון מיר, ער בענקט נאָך מיר, —
גייט צו אים, שניי-ווייסע בלומען!
זאָגט, אַז איך שטיי ביי דער מענטשהייטס טיר,
וויל גיך צו דער מענטשהייט קומען!"

„טרייסט זיין האַרץ, היילט זיינע וואונדן,
מיט אייערע פערלטרערן,"
און די געטין איז פאַרשוואונדן
צווישן די גאָלדענע שטערן

איך האָב זיך אויפגעכאַפּט, די לבנה
שיינט, ווי זילבערנער שוים,
אָבער וואו איז די בלומען-מתנה?
דאָס איז געווען נאָר אַ טרוים, נאָר אַ טרוים!..

דער זיסער טרוים איז אַוועקגעשוואומען,
דאָך ווייס איך נישט, וואָרום
איך קאָן נישט פאַרגעסן די שניי-ווייסע בלומען,
און זוך זיי אימער אַרום.

דער וועקער

הערט נאָר צו, וואָס איך וועל זאָגן:
ווען איר ווילט קיין קייטן טראָגן —
קומט אין אונזער פאָלק,
וואָס מיר ווילן, נישט פיל בריי‏ען,
איז פון שקלאַפּעריי באַפרייען
דאָס אונטערדריקטע פאָלק.

קומט צו אונז מיט פרייע ווערטער,
פרייע הערצער, פרייע שוועסטער,
קומט אין פרייען שלאַכט,
קעמפן וועלן מיר ביז וואַנען,
עס וועלן פאַלן די טיראַנען —
פאַרשווינדן וועט די נאַכט.

זעהט נאָר, וויפיל קעמפער פאַלן
פאַר די פרייהייטס אידעאַלן,
אין קאַמף מיט טיראַני!
זאָלן מיר דען רוהיג שווייגן,

רוהיג זיצן אין די שטייגן —
דולדן שקלאַפעריי ? !

הערט, ווי אונז דער פיינט באַליידיגט,
גאָטספורכט און קנעכטשאַפט פריידיגט,
פאַר דעם אַרבעטסמאַן...
שוין גענוג אין קייטן שלאָפן,
ברעכט די תפיסה-טירן אָפן,
טויט צו דעם טיראַן !

קיינמאָל וועט איר נויט פאַרמיידן,
אימער שאַנד און שמערצן ליידן,
ווילאַנג איר זענט נאָר קנעכט,
ברידער, העלפט איינער דעם צווייטן,
ברעכט די קייטן אָן די קייטן.
קעמפט פאַר מענטשנרעכט !

ווילאַנג וועלן נאָך רעגירן,
ווילדע היינקער און וואַמפּירן ? —
ליידנדע, דערוואַכט !
קומט צו אונז מיט פרייע ווערטער,
פרייע הערצער, פרייע שוועסטער,
קומט אין פרייען שלאַכט !

פאָרווערטס

צו דער אַרבעט! פאָרווערטס, ברידער,
אַלע, אַלע קומט מיט מוט!
פרייע אַרבעט שטאַרקט די גלידער—
און זי רייניגט אונזער בלוט.

פוילט זיך נישט! אַ שאַנדע, כּלעבן—
שלאָפן אין אַ צייט פון קריג!
ווילט איר וויסן, וואָס הייסט לעבן—
קעמפט פאַר אַלגעמיינעם גליק!

פאָרווערטס, שטופּט די פרייהייטסרעדער!
מיטן שווערד און מיטן פען—
לאָז זיין אַרבעט טאָן אַ יעדער—
ווי ער קען און וואָס ער קען.

לערנט זעלבסט און אויך דעם צווייטן—
ווייזט דעם וויסנס ריינעם קוואַל!
און צוגליט די שקלאַפנקייטן
מיט דער וואָרהייטס הייסן שטראַל.

וואַרפט-אַריין אין אַלע קלאַסן
פונקען פון דעם פרייען גייסט!
לערנט דיינקען, קעמפן, האַסן,
אַז איר מענטשן זייט, באַווייזט!

און נישט ציטערט פאַר די הייגקער!
שטאַרבן ווי אַ פרייער מאַן—
איז דאָך ליבער פאַרן דיינקער,
ווי זיך צו בוקן צום טיראַן.

נאָך די שטורמס, פרעסט און שנייען
קומען וועט דער שיינער מאַי,
וואָס מיר וועלן איצט פאַרזייען,
וועט דאַן בליען פראַנק און פריי!

און אַ יעדער וועט געניסן
פון דעם ריינעם פרייהייטסבוים,
זיסע פרוכטן, וואָס פאַרזיסן
יעדעס האַרץ און יעדע היים!

פאָרווערטס! שטופּט די פרייהייטסרעדער,
אַרבעט ערנסט, פול מיט גייסט, —
מיטן שווערד און מיטן פעדער,—
אַז איר מענטשן זייט, באַווייזט!

אויף אַ באַל

וואָס שטייסטו, בלאַסער טרוימער!
געזונקען דעם קאָפּ אויפן ברוסט?
זעה, דיינע שוועסטער און ברידער
זינגען און טאַנצן מיט לוסט;

זעה, ווי עס טראָגן זיך פאַרלאַך,
באַפליגלט פון זיסער מוזיק, —
בעקעלאַך גליען און אויגן
בליצן מיט יוגנט און גליק.

נאָר דו ביזט בלאַס און פאַרטרויערט,
נאָר דו ביזט, ווי אימער אַליין,
אַליין, ווי אַ שטורמווואָלקן,
אַליין, ווי אַ פעלזנשטיין.

דו שטייסט און דיינקסט, אַז מאָרגן
וועט די העסליכע טיראַניי
ווידער דריקן און ווערגן
די קינדער פון שקלאַפעריי

און די שיינע אויגן, וואָס בליצן
איצט, מיט ליבע און מוט,
וועלן זיין פייכט מיט טרערן
אונטער דעם אויסבייטערס רוט!

און די בעקעלאַך, וואָס גליען
איצט, ווי אַ רויז שיין,
וועלן פון שמערצן ווערן
בלאַס ווי מאַרמאָרשטיין;

און דאָס שיינע מויל, וואָס זינגט איצט
דאָס ליד פון פרייהייט און גליק,
וועט מאָרגן דאָס לעבן פלוכן
אין דער פינסטערער פאַבריק!

אַזוי דיינקט דער בלאַסער טרוימער,—
ער דיינקט און שטייט אַליין,—
אַליין, ווי אַ שטורמוואָלקן,
אַלייז ווי אַ פעלזנשטיין.

זינגט מיט לוסט.

איך זאָל האָבן הונדערט קעפּ,
וואָלט איך אַלע אָפּגעגעבן
פאַר מיין גרויסן אידעאַל,
ווייל אָהן אים—וואָס איז דאָס לעבן?

הייסט דאָס לעבן? אימער זעהן,
ווי עס וועלקן אַרום דיר
יונגע בלומען און עס פליסן
הייסע טרערן אָהן אַ שיעור

הייסט דאָס לעבן? פאַר אַ שווינדלער
שווייגנד אָנבויגן דעם קאָפּ,—
קלייבן ברעקלאַך, וואָס ער וואַרפט דיר,
ווי אַ הונט פון טיש אַראָפּ?

גוט איז דעם, וואָס קען נישט לעזן,
אויף די מענטשליכע געזיכטער,
גוט איז דעם, וואָס איז קיין דיינקער,
גוט איז דעם, וואָס איז קיין דיכטער.

גוט איז דעם, וואָס האָט אין האַרצן
אַלעס מענטשליכע פאַרלאָשן,
מעג די וועלט אין טרערן שווימען,
ער וועט ציילן זיינע גראָשן...

אָבער דער, וואָס ווייס צו לעזן
נישט נאָר ביכער און ראָמאַנען,
דער, וואָס קען אויך לעזן הערצער,
וואָס פאַרבלוטן פון טיראַנען,—

אויף די מאַרמאָר-ווייסע וואַנגען,
און די אויגן, וואָס זיינען פייכט—
קענט איר אונזער וועלט דערלערנען,
בעסער ווי פון בוך פיליייכט.

קוקט זיך צו צו די געזילטער,
צו די טרויעריגע, בלאַסע,
פון די היימלאָזע, באַרויבטע
קינדער דער פאַרשקלאַפטער מאַסע!

וואָס פאַר אַ שמערצן! וואָס פאַר אַ ליידן!
זיי צורייסן מיר מיין ברוסט!
און איך קוק מיט ווילדן צאָרן,
ווען מען זאָגט מיר: „זינגט מיט לוסט!"

„זינגט מיט לוסט?" אָ, דומע שקלאַפן!
רופט די טענצער! די פּאַיאַצן!
און זיי וועלן אַמוזירן
אייך מיט פויקן און מיט טאַצן!

אָבער ווייסט, אַז אויך פּאַיאַצן
לאַכן איצט דורך הייסע טרערן,
און דער הונגעריגער טענצער
טאַנצט מיט פלוך פאַר זאַטע הערן.

פרייד איז איצט נישטאָ ביי קיינעם,
יעדן איינעם איז איצט שלעכט
פון די גלענצנדע באַנקירען
ביז די אונטערדריקטע קנעכט.

ווייל דער רייכער ווייס זיין ענדע:
דאָס פון בארויבטן פאָלק,
פון פאַרבלוטיגטע געשפּענסטער
ווערט ער טאָג און נאַכט פאַרפאָלגט.

און די אָרימע—זיי ליידן,
ווייל זיי האָבן קיין פאַרשטאַנד,
אום צו רייכן זיך, ווי ברידער,
אין דעם פרייהייטסקאַמף די האַנט.

זאָגט, וואָס איז אַ טוצל שווינדלער
געגן פילע אַרבעטסלייט?
נאָר אַ ביסל מוט און אחדות
און מיר וועלן זיין באַפרייט!

דאָך גענוג... עס איז אַזוי קלעגליך...
רופט די טענצער, די פּאַיאַצן!
און זיי וועלן פאַר אייך שפּרינגען
מיט די פּויקן, מיט די טאַצן!

אָבער ווייסט, אַז אויך פּאַיאַצן
לאַכן איצט דורך הייסע טרערן,
און דער הונגעריגער טענצער
טאַנצט מיט פלוך פאַר די זאַטע הערן.

עלנט.

עלנט צו זיין—אָ! וואָס קאָן זיין שלימער?
עס ליגט אויף דיין ברוסט אַ שטיין,
זעהסט טויזנטער מענטשן און דאָך פילסטו אימער,
אַז דו ביזט אַליין... אַליין!

דו זעהסט, ווי די וועלט ווערט אין טרערן פאַרטרונקען,
ווי דער פרייהייטסגייסט איז פאַרהאַסט,
און עלנד שטייסטו, דיין קאָפּ געזונקען,
ווי אַ נישט-געבעטענער גאַסט.

דו האָסט נישט פאַר קיינעם דיין טרויער אַנטדעקן,
אַלץ דורשט איצט נאָך געלד און באַטרוג,
דו האָסט נישט קיין פריינדליכע האַנט, וואָס זאָל וועקן
דיין מוט מיט אַ וואַרימען דרוק.

דיין שטאָלצער גייסט רייסט זיך העכער און העכער,
דאָך בויגט זיך אין שטורם דיין גוף,

און ווי פון אַ טורמע אַ יונגער פאַרברעכער,
קוקסטו מיט טרויער אַרויף.

עלנט גייסטו דיין וועג פאָריבער,
דעם וועג פון דערנער און שטיין,
דו צאַפּעלסט זיך אין דעם פרייהייטספיבער,
דו קעמפסט און פאַלסט אַליין!

מיין פרילינגסליד.

איך הער, מען זינגט פון דער פרילינגסזון,
פון דער זיסער נאַכטיגאַל,
און איך זעה נאָר קאַלטע פאַרפראָרענע הערצער
און הער קייטנמוזיק איבעראַל...

וואָס איז מיר פרילינג, וואָס איז מיר בלומען?
דאָס געניסט איצט נאָר דער טיראַן!
ער לאָזט נאָר איבער די גיפטיגע דערנער
פאַר דעם אָרימען אַרבעטסמאַן!

וואָס ווייסט אַ שקלאַף פון דעם זיסן פרילינג?
פאַר אים איז נאָר שטורם און פרעסט,
נישט מיט געזאַנגען — מיט זיפצן און קרעכצן
איז פול יעדער אַרבעטסנעסט.

עס וועט אויך קומען אַמאָל דעם אַרבעטערס פרילינג,
דער פרילינג פון פרייהייט און ליכט,
ווען אַ שטראַל פון גליק וועט אויך פריילאַך שפּילן
אויף דעם אַרבעטערס בלאַסע געזיכט!

ווען אויך פאַר אים וועלן בליען די רויזן
און זינגען די נאַכטיגאַל,
און זיס וועלן רוישן די גרינע וועלדער,
און דער זילבערנער וואַסערפאַל...

ווען אויך דעם אַרבעטערס פרויען און קינדער,
—און נישט דעם רייכנס נור—
וועלן געניסן דעם זיסן גן-עדן
פון דער שיינער, דער רייכער נאַטור!

ווען יעדעס מענטשליכע האַרץ וועט בליען
מיט ליבע, מיט הומאַניטעט!
אַך, יענעם פרילינג וועל איך באַזינגען
שוין נישט ווי אַ טרערן-פּאָעט.

איך וועל אים באַגריסן, ווי די ערשטע ליבע
אַ ליבנדעס האַרץ באַגריסט,
איך וועל אים באַזינגען, ווי עס קען נאָר באַזינגען
אַ דיכטער און סאָציאַליסט!

איך וועל אים באַגריסן און גערן קושן
זיין יעדן הייליגן טריט...
און אין יעדן האַרץ וועט אָפּקלאַנג געפינען
מיין ליבע, מיין פרילינגסליד!

איך בין דער שווערד,

איך בין דער פלאַם.

איך בין דער שווערד, איך בין דער פלאַם,
איך האָב געקעמפט, און ווי אַ שטערן
האָב איך באַלויכטן דעם שטורם-ים
פון מענטשנבלוט און מענטשנטרערן.

איך האָב אייך צום פרייען קאַמף געוועקט,
דאָך שווער איז אָהן אָפּפער צו זיגן:
מיט וואונדן בלוטיגע באַדעקט
זעה איך שלאַכטפעלד-קעמפער ליגן.

נאָר איצט איז נישט קיין צייט פאַר טרערן,
מיר מוזן קעמפן אויפדאָסניי,
ביז מיר צושמעטערן, צושטערן
די וויסטע וועלט פון שקלאַפעריי.

פאַרלירט נישט, ברידער, האָפנונג, מוט—
פון שלאַכטפעלד איז אַ שאַנד אַנטלויפן,
ווען אויך מיטן לעצטן טראָפּן בלוט
מוז מען דער מענטשהייט פרייהייט קויפן!

פאַרגעסט די אַלטע שווערע וואונדן,
ווי פינסטער זאָל די נאַכט נישט זיין,
אם-ענדע מוז זי דאָך פאַרשווינדן
און געבן פּלאַץ פאַר זונענשיין.

לאָז רוסלאַנד אונז אַלס ביישפּיל דינען,
דאָרט פאַלן אָפּפער אָהן אַ צאָל,
דאָך וועט איר אימער דאָרט געפינען
אַ קעמפּער גרייט פאַר ברוטוס ראָל!

דאָרט וועלן נאָך פיל אָפּפער פאַלן,
דאָך פאַלט דאָרט נישט דער העלדנמוט—
ער פלאַנצט די פרייהייטס אידעאַלן
מיט הייליגן מאַרטירערבלוט...

וואַכט-אויף, אָ, ברידער, מיט שווערד און פלאַם,
קומט אַלע מיט אין די קעמפּערס רייען!
און ווען אויך מיר פאַלן אין דעם שטורם-ים—
מיר וועלן דאָך די וועלט באַפרייען!..

דער פאַל פון באַסטיליע.

הערט, ווי עס דונערט, עס שטורמט און קראַכט—
דאָס פאַלט די באַסטיליע, די שרעקליכע מאַכט
פון פראַנקרייכס געקרוינטע באַנדיטן.
דאָס פאַלט די באַסטיליע, די בלוטיגע ווענט,
וואו יעדער שטיין איז אַן עדות, אַ וועלטמאָנומענט
פאַר די, וואָס האָבן פאַר פרייהייט געליטן.

אין ווילדער פאַרצווייפלונג, אין בלוט און אין פלאַמען

שטייען די לײדנדע שקלאַפן צוזאַמען—
די קינדער פון הונגער און נויט.
זיי ברעכן דעם טראָן פון די הערשנדע הײנקער
די פינסטערע תפיסה פון מענטשליכע דײנקער—
דעם גיהנום פון שרעקן און טויט.

עס האָט שוין געשלאָגן די שעה פון ראַכע,
ווען שוואַך זיינען די שטאַרקע און שטאַרק זיינען די שוואַכע
אין זייער גערעכטיגן צאָרן.
עס פאַלט די באַסטיליע, עס שטורמט און קראַכט,
דאָס פאָלק האָט דערקענט זיין געוואַלטיגע מאַכט,
טיראַנען, איר זייט יעצט פאַרלאָרן.

איר קענט מער נישט שיסן אין פאָלק מיט קאַנאָנען
און זיצן זיך רוהיג אין גאָלדענע טראָנען,
און טרינקען דאָס בלוט פון דעם פאָלק.
איר מוזט פון די רייכע פּאַלאַצן אַנטלויפן,
פאַר געלט וועט איר יעצט מער קיין שקלאַפן נישט קויפן,
שווינדלער האָבן דאָ מער קיין ערפאָלג!

עס ליגט אין רואין דער פינסטערער טורם—
און יעצט הויבט זיך אויף אַ געוואַלטיגער שטורם
אויף דער שוואַרצער באַסטיליע דער וועלט!
דאָרט, וואו אַ ברודער דערהרגעט דעם צווייטן,
דריקט אים, באַרויבט אים און שליסט אים אין קייטן,
פאַרקויפט אים פאַר לוקסוס און געלט.

און די הייליגסטע פליכט פון מענטשליכע פליכטען—
אָ, פאָלק!—איז צעברעכן, פאַרברענען, פאַרניכטן
די שוואַרצע באַסטיליע דער ערד!

דערוועקט דאָך דיין גייסט, דיין קראַפט, דיין צאָרן—
דער מענטש איז פאַר ליבע, פאַר פרייהייט געבאָרן—
פאָרווערטס מיט פלאַם און מיט שווערד!

פאָרווערטס אין קאַמף, מיט געוואַלטיגן שטורם
שטירצט די באַסטיליע פון פינסטערן טורם,
לאָז פרייהייט באַלייכטן די ערד!

דער אַרבעטער.

שנעל לויפן די רעדער, ווילד קלאַפן די מאַשינען,
אין שאַפּ אַזוי שמוציג און הייס,
דער קאָפּ ווערט פאַרטומלט, אין די אויגן ווערט פינסטער,
פינסטער פון טרערן, פון שווייס.

געננוג שוין אייך גיסן, איר ביטערע טרערן,
איר מאַכט אויף מיין אַרבעט אַ פלעק,
און ווען עס דערזעהט נאָר דער גזלן דער פאַבריקאַנט—
ער טרייבט מיך פון דאַנען אַוועק.

ווי זאָל מען דעם פאָרמאַן מקנא נישט זיין!
זעהט, ווי ער איז פעט און ווי רויט,
ער זויפט נאָר זיין ביר און רויכערט זיין ציגאַר—
וואָס וויים ער פון הונגער, פון נויט.

ער שמייכלט דעם באָס און ווי אַ ווילדע חיה
פאַלט ער אַרויף אויף די קנעכט.
ער צאַפּט זיי דאָס בלוט און בויגט זיי אין דרייען
און בלייבט דערצו אימער גערעכט.

איך פיל שוין ביי זיך קיין גאַנץ אבר,
צעבראָכן, צעדריקט איז מיין ברוסט,
איך קען נישט פון ווייטאָג מיין רוקן איינבויגן,
ביינאַכט לאָזט נישט שלאָפן דער הוסט.

וואו ביזטו פאַרשוואונדן, מיין גאָלדענע יוגנט
וואו ביזטו מיין בליענדע קראַפט,
פאַרוואָס, שלעכטע מענטשן, האָט איר מיך פון קינדהייט
פאַרמאַטערט, געוואָרגן, פאַרשקלאַפט

דאָך וואָלט איך נישט קלאָגן אויף מיין אייגענער לאַגע,
איך ווייס, דאָס די צייט איז נישט ווייט,
ווען רוהיג וועל איך שלאָפן אין מיין פינסטערן קבר
פון שמערצן, פון קייטן באַפרייט.

נאָר ווען איך דערמאָן זיך אָן מיין פרוי, מיינע קינדער,
דאַן ברעכט מיר מיין האַרץ פון געוויין—
ווער וועט זיי באַשיצן, ווער וועט זיי דערנערן,
זיי בלייבן אין דער וועלט גאַנץ אַליין!

איך זעה זיי, ווי יעצט שוין, פאַרהונגערטע, בלאַסע
ביי דער טיר פון רייכן מאַגנאַט:
די פרוי באַגיסט זיך מיט ביטערע טרערן,
זי ציטערט פאַר דעם הער, ווי אַ בלאַט.

זי בעט ביי אים הילף, זי בעט אים, דעם רויבער,
מיט אַ קינד אויף די הענט פאַר אים קניט—
דער הונגער איז שרעקלאַך און באַצאָל נישט פאַר דירה—
דאַן וואַרפט מען אַרויס אויף דער סטריט.

איך הער, ווי ער זאָגט איר: „מיר ווייסן אייך, שנאָרערס,
וואָס קומט איר אונז דולן דעם קאָפּ!“
און ער טרייבט זי אַרויס מיט די וויינענדע קינדער,
דער מערדער... אָ, ניין—פילאַנטראָפּ!

אָ, אַרבעטערלעבן, אָ, שרעקליכעס לעבן,
דיין שמערץ איז אָהן אַ גרונט, אָהן אַ ברעג,
אין דיינע בלוטיגע וואונדן זיצן גיפטיגע שלאַנגען,
ווי אַ קבר איז פינסטער דיין וועג.

שנעל לויפן די רעדער, ווילד קלאַפּן די מאַשינען,
אין שאַפּ אַזוי שמוציג און הייס,
דער קאָפּ ווערט פאַרטומלט, אין די אויגן ווערט פינסטער,
פינסטער פון טרערן, פון שווייס.

דער פאָרמאַן לויפט אַרום ווי אַ ווילדע חיה,
ער טרייבט צו דער שחיטה די שאָף—
אָ, ווילאַנג וועט איר וואַרטן, ווי לאַנג וועט איר דולדן,
אַרבעטער, ברידער, וואַכט-אויף!

דער רויטער פֿויגל.

איך זע אַ רויטן פֿויגל
מיט זילבערנעם שוים באַשפּריצט,
ער לויפֿט צווישן שטורמישע כוואַליעס,
עס קראַכט, עס דונערט און בליצט.

אונטער דעם רויטן פֿויגל
זע איך אַ פּראָלעטאַר,
מיט זיין אייזערנער האַנט אויף דעם רודער
שטייט ער שטאָלץ אין געפֿאַר.

אים שרעקט נישט דער ווילדער שטורם,
אים שרעקט נישט דער פֿעלזנשטיין,
ער טרעפֿט מיט זיין פֿייל אין די ברואים,
וואָס קריצן אויף אים מיט די ציין.

זיין גייסטיקער בליק איז געריכטעט
אויף דער אינזל, וואָס „פֿרייהייט" הייסט, —
אַהין, וואו דער מענטש וועט געפֿינען
זיין גליק, זיין ליבע, זיין טרייסט.

און ווען טויזנטער פֿעלזן און שטורעמס
באַגעגענען אים אויף זיין וועג,
מיט זיין ברוסט אויף דעם רויטן פֿויגל
וועט ער דערגרייכן דעם ברעג.

ער וועט דערגרייכן די אינזל
פון פרייהייט, פון מענטשנגליק,
און אויפן באַזיגטן שטורם,
וואַרפן מיט שטאָלץ זיין בליק.

פאָרוועדטס, מיין רויטער זעגל!
די וואָרהייט איז דיין פּאַסאַזשיר,
פּיראַטן, שטורמס און פעלזן —
אַלעס באַזיגסטו מיט איר.

פאָרוועדטס, פּראָלעטאַריער!
דו האָסט נאָך טויזנטער פריינט,
מיט דיין אייזערנער האַנט אויף דעם רודער
וועסטו באַזיגן דיין פיינט.

צוויי דיכטער.

ווי גליקלאַך איז דער זיסער דיכטער,
וואָס האָט פיל האָניג, ווייניג גאַל,
זיין וועג באַלייכטן ליבעסליכטער,
מען פלעכט אים קראַנצן איבעראַל.

ער איז אַלזייטיג: מיט פּרינציפּן
פאַרבינדט זיך נישט דער פרייער העלד

שמייכלענד שטעלט ער אויס די ליפּן
צו אַלע אָפּגעטער דער וועלט.

מען לויבט זיין גייסט פון אַלע זייטן,
דער אָרטאָדאָקס און ליבעראַל—
ער גלייכט מיט קיינעם נישט צו שטרייטן
און זינגט זיך, ווי אַ נאַכטיגאַל.

זיין יעדעס וואָרט, זיין יעדעס שטרעבן
איז פאַר דער וועלט אַ קאָמפּלימענט,
די ברידער דיינקען שוין ביים לעבן
אים צו שטעלן אַ מאָנומענט.

***

דאָך ביטער, טראַגיש איז דאָס לעבן
פון דעם פּאָעט, וואָס האָט זיין האַרץ
די אונטערדריקטע אָפּגעגעבן,
און טראָגט אין ברוסט אַ ים פון שמערץ.

ער בליצט און דונערט מיט זיין האַרפע,
פאַר אַלע פיינט פון אָרימן פאָלק,
די וואָרהייט נאַקעטע און שאַרפע
וואָס ווערט פאַרלוימדט און פאַרפאָלגט

פון פאַראַזיטן, פון די רייכע שלאַנגען,
ער בליצט מיט פלאַם, מיט זונענליכט
און ס'זינגט פון זיי קיין לויבגעזאַנגען
זיין העלדיש, מעכטיגעס געדיכט.

זיין יעדעס ליד, זיין יעדע שורה,

איז פול מיט גיפט. פאַר טיראַניי,
ער וואַרפט די שווינדלער גלייך אין צורה
דער וואָרהייטס קאָכעדיגע בליי.

ער רייסט אַראָפּ אָהן פורכט די מאַסקע
פון יעדן פאַלשן היפּאָקריט,
ער קעמפט און זוכט נישט קיינעמס לאַסקע,
ער זוכט קיין שכירות פאַר זיין טאַט.

ער טראָגט מיט שטאָלץ זיין שווערד און פאָנע
ער קוקט נישט לינקס, ער קוקט נישט רעכטס,
ער קוקט נאָר פאָרווערטס צו דער זון דאָרט
און זי אַליין נאָר הערט זיין קרעכץ.

זיין מוזע קען נישט שמייכלען, גלאַנצן,
מיט בלוט און גאַל איז פול זיין טינט,
אָהן פריינט, אין ריינע בלומענקראַנצן
שטייט ער אַליין אין שטורמווינט.

די וואָרהייט וועט אַמענדע זיגן,
די פינסטערניש וועט אונטערגיין—
און ווען ער וועט אין קבר ליגן
נאָר דעמאָלט וועט די וועלט פאַרשטיין,

מיט וואָס פאַר אַ ליבע, ערנסט, אַכטונג
ער האָט געדינט דער פרייהייטספאָן,
ווי ער האָט געליבט אין זיין פאַראַכטונג
און ווי פיל גוטס ער האָט געטאָן.

עס טאָגט.

אַרבעטער-ברידער, איר הערט, ווי עס דונערט?
איר הערט, ווי עס ברומט, ווי עס קראַכט?—
שמשון-הגבור פון אונזער יאָרהונדערט
האָט פון זיין שלאָף דערוואַכט.

דער שקלאַף האָט דערוואַכט פון זיין פינסטערן דרימל,
ער גרייפט יעצט צום פאַנצער און שווערד,
ער וויל נישט מער וויסן פון גאָט אויפן הימל,
ער וויל נישט קיין האַר אויף דער ערד.

אים שרעקט נישט מער איבער די פאָנע, די רויטע,
ער ווייסט אַז מיר ווערן פאַרפאָלגט
דערפאַר, ווייל מיר ווילן צוברעכן די קייטן,
די קייטן פון אָרימן פאָלק.

ער הערט מיט באַגייסטערונג די היילינגע לערע
פון פרייהייט, פון מענטשליכן רעכט;
ער ווייסט, אַז צו קעמפן פאַר איר איז אַן ערע,
אַ שאַנדע—צו בלייבן אַ קנעכט.

אָ, ברידער, זייט מונטער! עס הויבט אָן צו טאָגן,
נישט ווייט איז די ליכטיגע זון—
מיר זעהען שוין טויזנטער, טויזנטער טראָגן
מיט שטאָלץ אונזער בלוט-רויטע פאָן.

אָר לומפּן, נאָר טרוסן אין אונזערע צייטן,
וואָס בייטן אידעען, ווי שיך,
קענען יעצט בלייבן שטיין פון דערווייטן,
פאַרזומפּט אין דעם אייגענעם „איך".

אָבער דער מענטש, אין וועלכן עס פלאַקערט
דער פרייהייטס הייליגער שטראַל,—
דער קען יעצט נישט רוען, ער אַרבייט, ער אַקערט,
ער בלוטיגט—פאַר זיין אידעאַל.

איך צו דער אַרבעט, איר מענער, קאַמעראַדן!
וואָרהייט מוז האָבן איר זיג,
די הערצער באַגייסטערט, די ביקסן געלאָדן:
אַרבעטער, פאָרווערטס צום קריג!

די טאָגפראַגע.

וואָס גייט מיר אָן, ווען ער וועט קומען,
דער טאָג פון אַלגעמיינעם גליק—
צי וועל איך פליקן זיינע בלומען
צי וועל איך הערן זיין מוזיק!

צי וועל איך זעלבסט געניסן פירות
פון פרייהייטס זיסן פאַראַדיז,

אָדער די קינפטיגע דורות
וועלן דאָרט לעבן פריי און זיס!

איך בין נישט קיין הענדלער אום צו טראַכטן,
צי וועל איך זיין באַצאָלט דערפאַר,
וואָס איך וועל העלפן דעם פאַרשמאַכטן,
דעם אונטערדריקטן אין געפאַר.

פאַר מיר איז נאָר די פראַגע וויכטיג:
צי קומט דער שיינער אידעאַל?
צי עס וועט ווערן אַמאָל ליכטיג
אין אונזער יאָמער-טאָל?

דאָך ווען עס קומט—צי היינט, צי מאָרגן,
דאָס גייט מיר ווייניג אָן!
איך וועל פאַר איינס בלויז אימער זאָרגן—
מיין מענטשן-פליכט זאָל זיין געטאָן;

און, ווי דער שטורם זאָל נישט וואַרפן
מיין שיפל אין לעבנס-אָקעאַן,
און וואָס אויסליידן איך זאָל נישט דאַרפן
פון יעדן האַרצלאָזן טיראַן—

דאָך האַלט איך הויך די רויטע פאָנע,
און קלינג מיט שטאָלץ אין פרייהייטס-גלאָק.
איך ווייס, עס קומט די פרייהייטס-זון—
איך קלינג מיט שטאָלץ אין צורוף-גלאָק!..

די הונגעריגע און די זאַטע.

די הונגעריגע שרייען נאָך ברויט—
די זאַטע פילאָזאָפירן,
די הונגעריגע שטאַרבן פון נויט—
די זאַטע פּאַרלאַמענטירן.

די הונגעריגע בלוטן און שטרייטן
מיט די הערשנדער רויבערבאַנדע:
די זאַטע שטייען פון דערווייטן,
און שרייען „עס איז אַ שאַנדע!"

„גנבענען ברויט —אַך, איר בטלנים!
„לומפּן-פּראָלעטאַריאַט!
„מיר זיינען מיט אייך קיין מחותּנים"—
דערקלערט דער „עס" דעמאָקראַט.

„באָם!" מעקן אים צו זיינע פּי,
„באָם!" ענטפערט אים זיין אייזל-קוואַרטעט.
אַך אָפּשאַצן אָט די פילאָזאָפיע
קען נאָר דער, וואָס איז זאַט און פעט!

דאָך דער אָרימער, פוסטער מאָגן
קען דאָס גאָרנישט פאַרשטיין
און ער וועט אינגיכן צושטערן, צוטראָגן
יעדן טראָן, יעדן תּפיסה-שטיין.

די הונגעריגע שרייען נאָך ברויט—
די זאַטע פילאָזאָפירן,
די הונגעריגע שטאַרבן פון נויס—
די זאַטע פאַרלאַמענטירן!..

צום אַרבעטער.

זוי שווער עס זאָל נישט זיין די וועגן,
וואָס פירן צו פרייהייט, וואָס פירן צום זיג,
שטריינג-אָן דיינע קרעפטן! און פירכטלאָז באַגעגען
דעם שטורם און פייער פון ביטערן קריג!

אויף דיר וועלן בילן גראָבע בולדאָגן,
דער פיינט וועט קריצן אויף דיר מיט די ציין,
יעדער שורקע וועט אַ האַס אויף דיר טראָגן,
יעדער היפּאָקריט אויף דיר וואַרפן אַ שטיין.

מען וועט דיך פערלוימדן, דאָס בלוט פון דיר צאַפּן,
דער, פאַר וועמען דו קעמפּסט, וועט דיך האַסן זאָגאַר.
די ביטערע נויט וועט אין טיר צו דיר קלאַפּן,
דאָך זיי אַ מענטש אויך אין נויט און געפאַר!

פאַרגעס נישט, ווי הייליג, ווי גרויס איז די זאַך,
פאַר וועלכן דו קעמפּסט! איר הייליגער זיג

ווען ברייגגען פאַר אַלע עלנטע, שוואַכֿע,
פאַר אַלע פאַרשקלאַפטע פרייהייט און גליק.

פאַרגעס נישט! און לאָז דיין שטימע פאַרקלינגען
איבער דער גאַנצער ליידנדער ערד,
און נאָר דער טויט אַליין זאָל דיך צווינגען
אַוועקלייגן דיין פאָן און דיין שווערד.

צו א פריינט.

דאָס שיפעלע לויפט צווישן רוישנדע וועלן,
דער שטורם ווערט שטאַרקער מיט יעדער מינוט,
דער וועג איז געפערליך... דאָך שטאַרק איז דער זעגל—
ערליכֿער שיפער, פאַרליר נישט דיין מוט!

עס ווערן אַלץ בייזער די קעמפנדע שטראָמען,
דאָס שיפעלע וואַרפט עס אַרויף און אַראָפּ:
עפּיס צערייצטע, העסליכֿע ברואים
שטעקן פון וואַסער אַרויס זייער קאָפּ...

זיי עפענען ברייט די פאַרבלוטיגטע מיילער,
דאָך שנעל טראָגט דער שטורם דיך ווייטער אַוועק.
עס בליצט און עס דונערט, עס בויגט זיך דער זעגל,
עס ליגט צווישן פעלזן דער שרעקליכֿער וועג.

דאָך זעסטו פון ווייטן דאָרט רויטע סיגנאַלן...
דאָס קומט דיר צוהילף די הייליגע ציים!
עס דעמערט דער מאָרגן—פאַרלאָז נישט דעם רודער!
קעמף מיט דעם שטורם! דער ברעג איז נישט ווייט...

אונזער פרייהייט.

אין דער שטאַט—די פּאָליציי,
אין דער פּרעסע—די צענזורע:
אַלע שפּייען יעצט גאַנץ פריי
דער גערעכטיגקייט אין צורה.

דאָך איך זעה שוין פאַלן, זינקען,
שטאַט, דיין אַלטע שקלאַפנהויז!
און די שפּייערס וועלן טרינקען,
וואָס זיי שפּייען איצטער אויס...

א. רייזען.

די קירכנגלאָקן.

אָ, וואָס קלינג איר קירכנגלאָקן,
הערט שוין אויף! גענוג געשראָקן
האָבן אייערע ווילדע טענער
אונזער אָרימע וועלט!

איר דערמאָנט מיר יענע רוחות,
די קאַטוילישע מלוכות,
וועלכע האָבן עשאַפאָטן
הויכע אויפגעשטעלט!

אייערע טענער רופן היינקער
צו מאַרטירן יעדן דיינקער,
נעיעם קאָפּ אַראָפּצוהאַקן,
וועלכער בויגט זיך נישט;

אָ, איר ווילט די וועלט פאַרוויגן
מיט אַ שוואַרצן, טויטן ניגון
און פאַרדעקן מיט אַ מאַנטל
פון יעזואיס.

כ׳האָב אַ נייע גלאָק באַשאַפן,
צו דערוואַכן טויטע שקלאַפן.—
נישט אין קירכן—אין דער לופטן
הענג איך אים אַרויף!

נישט צום שרעקן, גאָר צום וועקן
גאָר די וועלט אין אַלע עקן,
קלינגט ער מוטיג, רופט ער פריילאַך:
שטייט צום לעבן אויף!״

מיר ברעכן.

די אויגן פול צאָרן, פאַרגאָסן מיט בלוט,
די הערצער, זיי שלאָגן מיט קראַפט און מיט מוט!
מיר שטייען ביי אַ הויכער געמויערטער וואַנט
מיט האַמערס און אייזנס און לאָמען אין האַנט—
מיר ברעכן, מיר ברעכן די אייזערנע וואַנט.

די וואַנט איז געמויערט גאָר פעסט און גאָר דיק
פאַרצוימט אונז די וועגן צום לעבן און גליק,
פאַרשטעלט אונז די ליכטיגע שיין און זי מאַכט
פון פריילאַכסטן טאָג אונז אַ טרויריגע נאַכט—
מיר ברעכן, מיר ברעכן...

און פאַלט פון דער שטיינערנער וואַנט ווען אַראָפּ

אַ שטיין, צי אַ ציגל, טרעפט ווען מען אין קאָפּ,
די איבריגע בלייבן דאָך שטיין גאָר אָהן שרעק
און אַרבעטן ווייטער, מען לויפט נישט אַוועק—
מיר ברעכן, מיר ברעכן.

די אַרבעט דאַרף דויערן, די אַרבעט איז שווער ?
פאַרזאַמלט אייך, ברידער, קומט אַלע אַהער!
זאָל יעדערער צולייגן פעסט נאָר אַ האַנט—
מיר וועלן די הויכע געמויערטע וואַנט
צוברעכן! צוברעכן!

הוליעט, הוליעט.

הוליעט, הוליעט, בייזע ווינטן,
פריי באַהערשט די וועלט!
ברעכט די צווייגן, וואַרפט דיביימער,
טוט וואָס אייך געפעלט!

טרייבט די פייגל פון די וועלדער
און פאַריאָגט זיי פאָרט!
די, וואָס קענען ווייט נישט פליען,
טויט זיי אויפן אָרט!

רייסט די לאָדן פון די הייזלאַך,
שויבן ברעכט אַרויס!

בּרענט אַ ליכטל ערגעץ טונקל,
לעשט מיט צאָרן אויס!

הוליעט, הוליעט בּייזע ווינטן,
יעצט איז אייער צייט!
לאַנג וועט דויערן דער ווינטער,
זומער איז נאָך ווייט!..

דאָס נייע ליד.

און זאָל ווי ווייט
נאָך זיין די צייט
פון ליבע און פון שלום—
דאָך קומען וועט
צי פרי, צי שפּעט
די צייט —עס איז קיין חלום.
איך הער דאָס ליד
פון ליבע, פריד,
די מעכטיגע געזאַנגען,
און יעדער טאָן
פון ליד זאָגט-אָן:
די זון איז אויפגעגאַנגען!
עס עקט די נאַכט,
די וועלט דערוואַכט
פול האָפנונג, לוסט און שטרעבן,

אין זאַנפטער לופט
אַ שטימע רופט:
צו מוט און קראַפט און לעבן!

דער שוסטער.

אָ, העמערל, העמערל, קלאַפּ!
שלאָג שטאַרקער אַ טשוועק נאָך אַ טשוועק!
קיין ברויט איז אין שטוב שוין נישטאָ,
נאָר צרות און לייד אָהן אַן עק!

אָ, העמערל, העמערל, קלאַפּ!
עס שלאָגט שוין דער זייגער באַלד צוועלף—
די אויגן, זיי מאַכן זיך צו,—
נאָר כח, אָ, גאָטעניו, העלף!..

אָ, העמערל, העמערל, קלאַפּ!
שלאָג שטאַרקער די טשוועקעס, שלאָג גיך!
ביז מאָרגן מוז פאַרטיג שוין זיין
דער גבירהטעס טאָכטערלס שיך.

אָ, העמערל, העמערל, קלאַפּ!
נישט גליטש פון מיין האַנט זיך אַרויס!
מיין איינציגער שפייזער ביזטו!
פון הונגער אָהן דיר גיי איך אויס!..

דער נאַכטוועכטער.

שפּעט, די נאַכט איז קאַלט און פינסטער,
נעבלדיג און נאַס!
אין די הייזער רוען אַלע—
טויט און שטום אין גאַס.

עלנט שלעפט זיך נאָר דער וועכטער
אויף דער גאַס אַרום;
אין די שטילע הייזער קוקט ער
וויימוטיג און שטום.

דאָרט, אין ווייכן וואַרימן בעטל
שלאָפט זיך אַזוי גוט;
אוי, ווי וואָלטן זיינע ביינער
דאָרט זיך אויסגערוט!

און ער קלאָגט זיך פאַרן הימל:
זעה מיין טרויער צו,
איך אַליין האָב גאָרנישט,—היט איך
פרעמדן גליק און רו!..

אָרים לעבן...

אָרימעס לעבן! נאָר שטענדיג זיך מאַטערן
שטענדיג צו לעבן אין נויט;
כּוחות די יונגע די פרישע צו פטרן,
זוכענדיג—טרוקענעם ברויט!

וואָגלן און וואַנדערן! וואו טאָגן נישט נעכטיגן,
נעכטיגן נישט, וואו געטאָגט!
הערן דאָס שפּעטן פון בייז-נידערטרעכטיגן,
שווייגן—קיין וואָרט נישט געזאָגט!

בוקן זיך, בויגן זיך נידעריג, נידעריג,
ברעכן דעם קערפּער אויף האַלב;
ריידן תחנונים און וויינענדיג, ציטעריג,
בעטן ביי גאָלדענעם קאַלב!..

שטיקן פאַרלאַנגען און שטרעבונגען קרעפטיגע
שטיקן און דריקן אין האַרץ;
בלומען פון יוגנט, די פרישע, די זעפטיגע,
לאָזן צוטרעטן אויף שוואַרץ!..

דער מענטש.

גייט-אריין אַן אָרימאַן
מיד און איינגעבויגן,
שטעלט זיך שטיל אַוועק ביים שוועל,
הויבט און וואַרפט די אויגן.

יעדעס מענטשליכע געפיל
אין זיין אויג פאַרלאָשן,
און ער שטרעקט אויס שטום די האַנד
בעטלט שטום אַ גראָשן.

ס'איז דער מענטש! די קרוין דער וועלט,
ס'העכסטע פון די בריות!—
זעהט, ווי נידעריג ער איז,
ווי געמיין, ווי מיאוס!

קליינע ווערם דאָרט אין דר'ערד
זיינען זעלבסט זיך שפייזער,
און דער מענטש, די קרוין, די קרוין,
בעטלט אין די הייזער!..

אַ געזינד זאַלבע אַכט.

אַ געזינד זאַלבעאַכט,
און בעטן נאָר צוויי —
און קומט אָן די נאַכט,
וואו שלאָפן דאַן זיי?

דריי מיטן טאַטען
דריי מיט דער מאַמען—
הענטלאַך און פיסלאַך,
געפלאָכטן צוזאַמען.

און קומט אָן די נאַכט,
מען דאַרף זיך אויסבעטן,
דאַן הויבט אָן די מוטער
דעם טויט אויף זיך בעטן.

זי מיינט מיט אַן אמת, —
עס איז נישט קיין וואונדער:
אויך איינג איז אין קבר,
דאָך ליגט מען באַזונדער.

כ'ווייס אַ הויז.

כ'ווייס אַ הויז—דאָרט פייפט דער דלות
און אין קוימען וויינט דער ווינט,
און עס שמאַכֿט און מאַנגלט דאָרטן
ס'גרויסע, ארימע געזינד.

שוואַרצע, פינסטערע געשטאַלטן—
אויף די באַקן נאָר אַ הויט,
און עס הערט זיך פון די קינדער
ביז אין הימל קולות: ברויט!

און אַ שכור איז דער טאַטע,
פון די קינדער ער אַנטלויפט,
ליידיג גייט ער אין די גאַסן
און ער פרעסט נאָר און ער זויפט.

און עס זיצט די שוואַכֿע מאַמע,
אַ דערשלאָגענע, אָהן מוט,
און זי שרעקט די קינדער: שטילער!
ס'גייט דער טאַטע מיטן רוט!

וואָס שטייט אונז נאָך פאָר?

וואָס שטייט אונז נאָך פאָר
אין עתיד אין ווייטן,
וואָס וועלן מיר זעהן
אין קומענדע צייטן?

צי וועט מען אַלץ הערן
די זיפצן און טרערן
פון אָרמען און שוואַכן?
צי וועט אַלץ פאַרטומלען
די ערד און די הימלען
פון רויבער דאָס לאַכן?

צי וועט נאָך אַלץ הערשן
דער ביקס און דער שווערד,
מיט מענטשנבלוט פעטער
צו מאַכן די ערד?

צי וועט נאָך אַלץ קלינגען
פון קנעכטשאַפט די קייטן—
איין ברודער זאָל דינען,
פאַרקויפט זיין דעם צווייטן?

וועט אַלץ נאָך זיך ציען
פאַר אמת די שלאַכט?—
אָך, ווער וועט פאָרט זיגן—
דער טאָג, צי די נאַכט?..

דער אָדלער.

כ׳האָב געזעהן דעם אָדלער
אין אַ שטייג פון אייזן,
וואו ער קאָן זיין פליען
קיינמאָל נישט באַווייזן;

וואו די פליגלען זיינע,
ווען ער פרובט אויפהויבן,
שלאָגן זיי זיך אָפּ גלייך
אָן די גראַטעס אויבען...

און איך האָב געזעהן
אויך זיין בליק דעם שאַרפן...
וואָס ער פלעגט דערנאָכדעם
פון דער שטייג מיר וואַרפן...

און איך האָב געלערנט,
וואָס הייסט פרייהייט זוכן,
דריקער צו פאַרדאַמען
און געפאַנגשאַפט פלוכן...

שטימען.

כ׳בין אַן עלענדער געבליבן,
כ׳האָב נישט וואו אַריינצוקומען:
אַלע מייגע פריינד. די בעסטע,
אַלע האָט מען צוגענומען,

און איך פיל מיך פרעמד און עלנט
און איך בלאָנקע אין די גאַסן,
צווישן מענטשן, וועלכע טראָגן
זייער שווערן יאָך געלאַסן.

און איך בלאָנקע צווישן שפּיאָנען,—
כ׳זעה, עס פינקלען זייערע אויגלאַך,
ווי ביי יעגערהינט אין וואַלד דאָרט
ווען זיי זוכן פרייע פייגלאַך...

און מיר דאַכט זיך, אַז דער שכל,
אמת, פרייהייט און די ערע
ליגן אַלע אין די טורמעס
און געשמידט אין קייטן שווערע,

און פאַרצווייפלט און פאַראומערט
לויף איך, ווי פון ווינט געטריבן,
ביז צום הויכן טורמעמויער—
דאָרטן בין איך שטיין געבליבן.

און אַ וואונדער איז געשעהן,
פון מיין טרויער בלייבט קיין סימן:
דורך די איינגע אייזן-גראַטעס
הער איך רופן שטאַרקע שטימען.

זיי צוגיסן אין דער לופט זיך
און זיי רופן און זיי וועקן:
זיי נישט עלנט, ליבער חבר,
זאָל דיין האַרץ אומזיסט נישט שרעקן.

אונז נאָר האָט מען אויף אַ ווייַלע
אין די טורמעס דאָ פאַרטריבן,
דאָך דער אמת און די פרייהייט
זיינען דאָרטן פריי געבליבן.

דו נישט זוך זיי אין די גאַסן,
דאָרטן וועט עס דיר נישט גליקן,—
זוך זיי אין די איינגע קעלערס,
זוך זיי אין די פיל פאַבריקן.

דאָרטן ליגן די אַרמייען,
וואָס די פרייהייט האָט דערוואָרבן,
צו באַפרייען זי, די פרייהייט,
איז נישט שווער פאַר זיי קיין קרבן.

אויף א ווערונג.

(אין טערט).

פריילינג, זאָגט איר, פריילינג... האַ?
טאַקי! זיכער? אַי, ווי שיין!
בלומען בליען? פויגל? האַ...
און דער טייך, ער קאָן שוין גיין?..

און די זון? אַזוי... אַזוי...
און זי וואַרמט... און זי גלעט...
און דער גאָרטן? אָפן שוין?
מען שפּאַצירט אין אָוונט שפּעט...

פריילין, ליכטיג... פריי—אַ יאָ?
פריילינג! פריילינג! אַי, ווי גוט!
נו, דערציילט—גערעסט, גערעסט...
באַלד איז אויס די פינף מינוט!

שטורם.

איך האָב ליב די שוואַרצע כמאַרע
מיט איר מראה,
מיט די שרעקן—
עס וועט דונערן און וועקן!

איך האָב ליב דעם בייזן הימל
מיט זיין ליאַרמען
אָהן דערבאַרמען,
מיט זיין דראָען, מיט זיין טומל!

מעגן בליצן ווי די שלאַנגען
אַלץ פאַרצוקן, אַלץ דערלאַנגען:
האָב און גוטס און הויז און שייער
מיט אַ קראַכנד העליש-פייער!
זאָל דער שטורם אויך מיין שטיבל
חרוב מאַכן—קיין פאַראיבל:
דורך די פלאַמען קוקט אַרויס
ס'נייע, פרייע העלע הויז!..

ה. ד. נאָמבערג.

אַ וויגליד.

ס'לויפן ס'יאָגן שוואַרצע וואָלקנס,
ס'פייפט און ברומט דער ווינט,
פון סיביריען שיקט דיין טאַטע
דיר אַ גרוס, מיין קינד!

גאָר דער ווינט, ער ברייננגט אונז גרוסן
פון דעם קאַלטן לאַנד,
דאָרטן שטייט ער, אַ לאָפּאַטע
האַלט ער אין דער האַנט.

און ער גראָבט אַלץ טיפער, טיפער,
וואַרפט די ערד אַרויס.
נישט געזאָרגט דאָך: פאַרן שקר
גראָבט ער קברים אויס.

נישט דער ערשטער, נישט דער לעצטער
פאַלט ער אויפן פעלד!
זאָרג נישט, קינד מיינס, דיך געבאָרן
האָט אַ גרויסער העלד.

און אַ העלד וועסטו אויסוואַקסן
שלאָף-זשע, שלאָף אַצינד:
זאַמל כוחות פאַר דער צוקונפט,
זאַמל, איינציג קינד.

י. באָװשאָווער.

די דומהייט.

אַך, ווי גוט מיר איז צו ליגן
ביי דעם אַרבעטסמאַן אין קאָפּ,
ס'איז מיין בעסטער פאַרגעניגן,
קיין זאַך גייט מיר דאָרט נישט אָפּ

עסן עס איך זיין געהירן
(ס'איז אַ זייער זיסער זאַפט)
אין דער שטיל—ער זאָל נישט שפּירן—
זייג איך אויס זיין דיינקונגס-קראַפט...

איך בין ביי קיינעם אונטערטעניג,
איך אַליין האָב דאָרט די מאַכט,
איך רעגיר דאָרט, ווי אַ קעניג,
ווייל עס איז דאָרט שטענדיג נאַכט.

ווי אַ פלעדערמויז פאַרשפּרייט איך
מיינע שוואַרצע פליגלען דאָרט,

און די פינסטערניש פאַרברייט איך,
כ׳לאָז פאַר ליכטיגקייט קיין אָרט.

טאָמער קומט אַ שטראַל געפלויגן
פון פאַרשטאַנד און וויל אַריין,
ליג איך דאָרטן אויסגעצויגן
און איך שריי: „דאָס אָרט איז מיין!״

קריגט דער אַרבעטער אַכאָטע
צום פאַרשטאַנד (אָ, גאָט באַהיט!)
שריי איך, ווי אַ פראָש פון בלאָטע:
„הער, מיין פריינד, עס טויג דיר ניט!״

און ווי דאַנקט מיר טראָן און גלויבן
פאַר מיין הילף צו זייער ציל!
איך, די דומהייט, העלף זיי רויבן,
טרייבן זייער טייוולשפיל.

איך, די דומהייט, בין דער קירכעס
בלאַנקער צוויי געשאַרפטער שווערד,
נאָר דורך מיר, אָהן מי, אָהן טרחות,
רויבט זי זיך די גאַנצע ערד.

איך, די דומהייט, העלף פאַרפירן
אין אַ זומפ דעם אַרבעטסמאַן,
כ׳הייס אים דולדען די, וואָס פירן.
שאַפן אוצרות דעם טיראַן.

איך בין דאָס דער שוואַרצער שלייער,
וואָס פאַרשטעלט דעם וועג צום ליכט

א ווינטער־בילד.

—גלייך ווי געגאָסן פון צוקער,
שטייען די בוימעלאַך ווייס.
אַך, ווי עס ווילט זיך זיי עסן!
—קינד מיינס! זיי זיינען פון אייז.

—גלייך ווי געבאַקענע חלות,
ברוינען די וואָלקנס אין הויך.
מאַמע! מיך הונגערט, איך חלש!
—קינד מיינס! זיי זיינען פון רויך.

—זעה דאָרט די איידעלע מענטשן.
ווי שיין דאָרט זיי גייען אין שוואַרץ.
דאָס זיינען די פעטערס די גוטע!
—קינד מיינס! זיי האָבן קיין האַרץ.

—ווער וועט אונז אויסהעלפן, מאַמע?
ווער שטילט אונז דעם הונגער אַצינד?
—דער, האַס וועט אונז טרייסטן, מיין ליבער!
דער צאָרן וועט זאַט מאַכן, קינד!

מ. גאָלדשטיין.

די פאַבריק.

אָ, איך געדיינק זי פיינליך די פאַבריק—
זי ליגט מיר, ווי אַ קבר אין זכרון.
איך האָב מיין שענסטן חלום דאָרט פאַרלאָרן
אין טיפן צער און אומעט, וויי און קריג.

דאָרט איז מיין ערשטע טרער געפאַלן,
נאָר שפעטער האָב איך מיט די ציין געקריצט!
אַ שוידער וועקט מיין בלוט אַפילו איצט,
גאָנץ היינט ווער איך פון אימה גרויס באַפאַלן.

אַ קללה, אַ פלאַמפייערדיגע קללה צו דעם גרויען שטויב,
וואָס איז דאָרט אין געדיכטע וואָלקנס אומגעשוואומען!
אַ קללה צו דער לופט, וואָס האָט דעם מענטש אַרומגענומען,
וואו ער, דער מענטש, האָט אויסגעזעהן ווי הפקר און ווי רויב.

פאַרברענט זאָל ווערן יענער שוואַרצער בנין
מיט זיין גערויש און אומרחמנותדיגער מאַכט,
מיין יוגנט איז געלעגן דאָרט ווי אין אַ שוואַרצער נאַכט,
אָהן לעבן און אָהן זין, אָהן פאַרבן און אָהן ליניען!

דאָס איז געווען אין שטיב אַלעבן.

דאָס איז געווען אין שטיב אַ לעבן,
אַ יאָמער אין אַן איינגן שטייג,
אַ חיה-ביס אין אַ נשמה,
אַ ווינט-בראָך אין אַ יונגן צווייג.

איך האָב די מענטשן באַלד פאַרגעסן,
דאָך איז דער ווייטאָג נישט געשטילט:
איך בין אַ יוגנט אומגעגאַנגען,
אין שוואַרצע וואָלקנס שטיב געהילט.

און נישט די נויט האָט מיך געקימערט,
און נישט די אַנגסטן אָן אַ ברעג:
מיך האָט געאַרט דער בלויער הימל,
די זון אין קלאָרע פרילינגסטעג.

זיי זיינען פרעמד און לייכט פאַרשוואונדן,
געלאָזט מיך אייזאַם און אַליין.
באַליידיגט האָט דער קאָפּ געפלאַקערט,
דאָס האַרץ געשטיקט זיך פון געוויין...

נאָך דער אַרבעט.

עס קומט די נאַכט,
עס קומט די נאַכט,
מיר ווערן פון דער אַרבעט לייז,
און פון פאַבריק,
פאַרשטויבט, פאַרשמאַכט
מיר גייען איינציגווייז אַרויס.

און יעדער גייט
צו זיך אַהיים,
אַהיים פון קעלט, אַהיים פון פּיין.
די אַלטע מוטער
קרעכצעט קוים,
דאָס לעמפּל וואַרפט אַ קראַנקן שיין.

אַ שוועסטער ליגט
געקנייטשט אין בעט
און עסן איז נישטאָ אַוואו.
און יעדער אבר
וויינט און בעט:
„וואָס גיכער רו! וואָס גיכער רו!"

און נישט געגעסן

פאַלט מען אום,
הער קאָפּ, ער לייגט זיך, ווי אַ שטיין.
קאָשמאַרן נעמען
ווילד אַרום
און זויגן-אויס דעם מאַרך פון ביין.

מען כאַפּט זיך אויף—
שוין גרויסער טאָג,
אין דרויסן שיינט די זון און לאַכט.
מען איילט צוריק—
אין שטויב און פּלאָג
זיך טרינקען טיף און שווער ביז נאַכט.

אין פאַבריק.

איך בין עלנט, איך בין איינער
ביי דער אַרבעט אין פאַבריק.
מיך פאַרשטייט פון זיי נישט קיינער—
נישט מיין טרויער, נישט מיין גליק.

אין דעם שוואַרצן שטויב און שווערן,
וואו מיר שטייען טאָג און נאַכט,
וואו מיר ליידן, וואו מיר ווערן
קנעכט, אָן זינען און אָן מאַכט;

אין דעם שוואַרצן שטויב פאַרבאָרגן
שטיי איך טרויעריג און טראַכט:
„מיט אַ ווייטאָג פון פרימאָרגן
וועל איך אַרבעטן ביז נאַכט."

און די גאַסן שלאָגט מיט לעבן
און די זון לייכט יונג און ניי,
מענטשן לאַכן, מענטשן שוועבן,
אַלע פריילאַך, אַלע פריי.

אין פאַבריק, אין שווערן קלעמען—
די פאַרקויפטע שוואַרצע הענט
שאַפן אַרבעט—פרעג פאַר וועמען,
אין פאַרשטיקטע נאַסע ווענט.

אַלע אַרבעטער דערציילן
ביי דער אַרבעט נאָר פון געלט:
געלט פאַרבעסערט זייער היילן
אָרים לעבן אויף דער וועלט...

און זיי הוסטן און זיי שפייען,
ווער פון צאָרן, ווער פון לייד.
אַך, עס וואָלט זיך געוואַלד הויך שרייען
אָדער מאַכן זיך אַ טויט!..

מיר דאַכט זיך...

מיר דאַכט זיך, אַז טויט איז דער וועלט
און נידערט-אַראָפּ און אַ תהום :
דאָרט דרייען זיך קנויל'ן פון רויך
און ס'יאָגט זיך פון פייער אַ שטראָם.

מיר דאַכט זיך, אַז אַלץ נעמט אַן עק,
די אייביגקייט פּלאַצט און ווערט אויס.
עס פאַלן די הימלען אַראָפּ
פון עפּיס אַ מעכטיגן שטויס.

און אויבן ווערט א'מהדיג לער :
נישט ווייס און נישט שוואַרץ און נישט רויט.
קיין לעבן, קיין צייכן, קיין פאַרב—
דער גרויזאַמער טויט איז אויך טויט...

דאָס יינגל.

מען האָט צו דער רבעט יעגעבן
אַ יונגל מיט פרייע נאַרלאַנג .ן.

עס האָט אים די אַרבעט די גרויע
גענומען צו זיך אין די צוואַנגען.

מיט אויגן פערטרויערטע שטענדיג
פלעגט ער ביי דער אַרבעט זיך שטיקן
און ווארפן אין טונקעלען פענסטער
פאַראומערטע ביטערע בליקן.

געפילט האָבן אַלע, וואָס זיינען
מיט אים ביי דער אַרבעט געשטאַנען:
ער וועט, ווי אַן אָדלער פון שטייגל
אַנטלויפן, אַנטלויפן פון דאַנען !..

דו קאָנסט די לייט?

דו קאָנסט די לייט, די בלאַסע לייט
פון פלאָג און מאַטערניש און נויט?
וואָס זייער טאָג זעהט-אויס, ווי נאַכט
און זייער לעבן איז אַ טויט?

וואָס שיקן אום די אויגן אַלץ
מיט מורא אויף דער גרויסער וועלט?
וואָס זעען-אויס, ווי פליגן שוואַך,
ווי פליגן אויף אַ טויטן פעלד?

דו קאָנסט די לייט ?.. אָ, זאָג מיר, פריינט
וואָס טראַכסטו טיף ביי זיך אין האַרץ ?
צי זעהט די וועלט נישט אויס אַ תהום—
אין דאָרט איז טויט און קאַלט און שוואַרץ ?

פריקינג.

פרילינג ! פרילינג ! הימלען לאַכן,
נאָר מיר אַרבעטן אין פיין...
שוואַרצע ברידער, זאָגט, צי האָבן
מיר פון פרילינג כאָטש אַ שיין ?

פייגל פייפן אין די וועלדער,
בלומען שמייכלען אויף די לאָנקעס,
פריילאַך רייטן יונגע מיידלאַך,
אָנגעטאָן אין אַמאַזאָנקעס.

בייכער פליען אויף קאַרעטן,
פול מיט גליק און פרייד די דאַטשעס,
נאָר מיר שטייען אין פאַבריקן,
מיד, ווי דומע אַלטע קלאַטשעס.

זיי—די וועלט און פאַרגעניגנס,
זיי—דעם פרילינגס גרינע בליקן,

אונז—דער קאַלטער ווי אין האַרצן,
אונז—דער טויט אין די פאַבריקן !..

די שטאָט.

עלנט קוק איך דורכ׳ן פענסטער
אויף די שוואַרצע הויכע דעכער.
אויף די שפּיצן פון די קלויסטערס,
וועלכע הויבן זיך נאָך העכער.

און עס מאַטערט מיך דער אויסדרוק
פון דער גרויסער שטאָט און איינגער.
עפּעטער דאַכט זיך—אַ בית-עולם
ליגט אַ גרויסער און אַ שטרייינגער.

און די הויכע קוימענס אַלע
פון די הונדערטער פאַבריקן.
זעהען-אויס, ווי ריזן-פינגער,
וועלכע כאַפּן און דערשטיקן...

און איך קוק נאָך דורכ׳ן פענסטער
ווייט אַריבער שטאָט מיט וואונדער :
דאָרטן שטייט אַ בוים אַ הויכער
אויף אַ מיטן פעלד באַזונדער.

און עס ציען זיך צום הימל
זיינע הויכע שטאַרקע צווייגן,
פונקט ווי הענט, געהייבן הייליג
אין אַ טיפן תפילה-שווייגן.

ס'ווינקט און רופט צו זיך דער בוים מיך
פון דער גרויסער שטאָט אַריבער:
„דאָ, ביי מיר איז פרייער, מילדער,
דאָ, ביי מיר איז ליבער, ליבער...“

פאַרלאָרענע מענטשן.

פאַרלוירענע מענטשן, געשטאָרבענע מענטשן,
ווי טונקעלע שאָטנס אין טונקעלן שיין:
ביי אייך איז מיין יוגנט פאַרלאָרן געגאַנגען
אין בייזיגן טרויער, אין אימה און פיין.

איר האָט מיך געלערנט צו שווייגן און וואַרטן
אויף חסד פון רייכע, פון זאַטע גענאָד,
און בויגן דעם רוקן און נאָכגעבן אַלעם
און קלאָגן און וויינען און האָפן צו גאָט.

איר האָט מיך געלערנט אַ וואָרט נישט צו ריידן
און היקען מיט צער אויפן פנים, ווי איר,

פאַרלעשן דעם גלאַנץ פון די אויגן און גראָבן
אַליין מיר אַ קבר, אַ קבר פאַר מיר.

איר האָט זיך געשראָקן פאַר זוניגע הימלען,
פאַר ליבע און שטערן, פאַר מיידלשן חן.
אייך האָט נאָר געוואַרמט אין אימה אַ חלום:
וואָס ענלאַכער זיין צו אַ האָלץ, צו אַ שטיין.

פאַרלאָרענע מענטשן, געשטאָרבענע מענטשן!
איך בין עס אייך מוחל, אָ, מוחל אַצינד,
וואָס איר, אָנשטאָט יוגנט, געלעכטער און לעבן,
האָט קברים און שימל געגעבן דעם קינד...

איך ווייס, אַז דער טויט איז אַ שלעכטער דערציער
און פיינט זיינען קברים פון שמחה און גליק.
און איר, זייט אין קברים און שוואַרצע געלעגן,
די הענט און די העלזער פאַרצויגן מיט שטריק!

קאָן איך לעבן.

קאָן איך לעבן, קאָן איך ליידן,
קאָן איך גיין פאָרויס אין שלאַכט,
בין איך פריי, ווי ווינט אין פרילינג,
איז אַ מוטער מיר די נאַכט.

קאָן איך לעבן, קאָן איך ליידן,
זיינען קייטן מיר נישט שווער!
איז מיין אויג אַ פייל אַ הייסע
און מיין האַרץ—אַ שטאַרק געווער.

ס'איז פאַר מיר נישטאָ קיין צוימען,
רויק איז וואָס מיין שונא שאַפט.
פון מיין שוואַכקייט צאַנקט זיין כח,
אין מיין שלאַפקייט ליגט מיין קראַפט!..

צו די דריקער.

אָ, קומט מיט מיר שטרייטן, איר דריקער פון לעבן!
איך וועל אייך, אַ דרייסטער, אַנטקעגן זיך שטעלן
און שטרייטן ביז וואַנען די האַנט וועט מיר דינען,
ביז וואַנען איר וועט זיך מיר געבן נישט וועלן.

און אויב איך וועל פאַלען, און אויב איר וועט זיגן,
אַך, דאַן וועל איך אויך קיין חרטה נישט האָבן.
איך וויים, אַז אַ שטראָף וועט אייך טרעפן ווי פייער,
איר וועט זיך באַצאָלן, איר גיריגע ראָבן!..

אַ פאַבריק-לידל.

דער פאַבריקאַנט, דער פאַבריקאַנט,
ער האָט אַ לאַפּע, נישט. אַ האַנט.

ער האָט צוויי אויגן, קעציש-גריןָ,
און זעהט דעם מענטש, ווי אַ מאַשין.

מיר זיינען הונדערט, ער אַליין,
דאָך פרעסט ער אונז מיט וואָלפן-ציין,

דאָך זויגט ער אונזער בלוט און זאַפט
און בויט זיין גליק דורך אונזער קראַפט.

ניין, זאָגן מיר אים היינט: גענוג!
מיר זיינען שטאַרק און דרייסט און קלוג!

עס ווערט פון לעמל היינט אַ לויב,
וואָס ווערט פאַרוואַנדלען אים אין שטויב?

נישטאָ דער אַלטער גוטער קנעכט,
ער האַלט געווער און זוכט זיין רעכט.

ער זוכט זיין רעכט דורך אַנגסטן פיל,
דאָך קומען וועט ער צו זיין ציל!

הע, בלאָסע ברידער, קומט אַהער!
היינט הייליגן מיר דאָס געווער.

און שטייען אַלע, ווי אַ וואַנט—
אוי וויי, אוי וויי, צום פאַבריקאַנט!..

איך זעה די ווייסע וועלט נישט אָן.

איך זעה די ווייסע וועלט נישט אָן—
איך שטיי נאָר אין פאַבריק,
באַשאָטן מיט אַ שווערן שטויב
פאַרזונקען אין אַ טויט-מוזיק.

דאָס זינגט דער שטויב און די מאַשין
פון קברים און פון נאַכט.
דאָ שטייען גרויע קנעכט אין שפאַן,
דערשלאָגן, אָרים און פאַרשמאַכט.

נאַראָנים, קומט אין פעלד אַרויס,
די אַרבעט וואַרפט-אַוועק!
צוברעכט זיי די מאַשינען, דאָרט,
גענוג געאַרבעט שוין, אַן עק!

מיידעלע, דו מיידעלע.

מיידעלע, דו מיידעלע,
מיידעלע, גאָלד-קעפּעלע,
בּלוי-אייגעלע דו מיינס.

כ׳האָב דיך אויסגעטרוימט
מיט אַן אָטעם שטיל,
מיט אַ האַרץ פאַרקלעמט,
אין אַ יוגנט-אַנגסט,
אין אַ וויי-מינוט,
אין דער טויט-מוזיק
פון געצייג און קנעכט.
כ׳האָב דיך אויסגעטרוימט,
ווי דאָס פעלד זיין רויז,
ווי דער וואַלד זיין ליד,
ווי דער טייך זיין וועל.

מיידעלע, דו מיידעלע,
מיידעלע, גאָלד-קעפּעלע,
בּלוי-אייגעלע דו מיינס,

כ׳האָב דיך אויסגעטרוימט

אינם שוואַרצן שטויב,
אין דער לופט פון סם,
אינם ווילדן רויש,
אינם גרויעז ליכט,
וואו עס צאַפּלען זיך,
פּונקט ווי עגדעש,
פאַרן עק פאַרקוועטשט,
גופים—הויט און ביין.
וואו משוגע, ווילד,
פינקלען שוואַרצאַפּלען
און עס ווערגן זיך
מיט דער אַרבעט לאַנג
קאָנוואולסיווע הענט—

מיידעלע, דו מיידעלע,
מיידעלע, גאָלד-קעפּעלע,
בלוי-איגעלע דו מיינס.

אינם הויז פון סם,
טרערן, גרויל און שמוץ
האָב איך אָפּגעהיט
צאַרטע הענט פאַר דיר—
ווייסע צאַרטע הענט.
און אַ פּאַלאַצל
האָב איך אויסגעבויט
אין מיין האַרצן שטיל,
אין מיין האַרצן שטיל...
וואוין אין פּאַלאַצל,
טראָג אין מיר זיך, קינד,

ווי אַ שטראַל אין נאַכט,
ווי אַ שטערן בלוי,
און באַגלייט מיין וועג
און באַשטראַל מיין זעל,
און באַלייכט מיין אויג
און פאַרלאָז מיך נישט,
קינד, אָ, קיינמאָל נישט,
אין דער טויט-מוזיק
פון אַן אַרבעטסהויז,
אין דעם גרויען ליכט
פון געצייג און קנעכט...

מיידעלע, דו מיידעלע,
מיידעלע, גאָלד-קעפּעלע,
בלוי-אייגעלע דו מיינס.

ניין, מיין מיידעלע!
איך פאַרלאָז דאָס הויז—
ברענען זאָל עס היינט!—
ברענען, ברענען, ברענען!
און לויף גלייך צו דיר,
קינד, מיט צאַרטע הענט...

ש. הורוויץ

זשאַמעלע.

(נאָך נעקראַסאָווס „קאַליסטראַטושקאַ״)

„דו וועסט זיין אַ גבור, מיין זשאַמעלע,״—
פלעגט מיר זינגען ביי מיין וויגעלע
אַלע נאַכט די מאַמעלע,
איך געדיינק נאָך היינט איר ניגעלע.

און מקוים איז געוואָרן מיר
די הבטחה פון מיין מאַמעלע:
שווער צוקריגן אַזאַ גרויסן גביר,
אַזאַ עושר, ווי איר זשאַמעלע.

שלאָפן, שלאָף איך אויף אַ קערבעלע,
מאַך „המוציא״ אויף אַ סקאָרינקע
און „לחיים״ אויף אַ שערבעלע,
פול מיט ברונען-וואַסער קלאָרינקע.

און די קינדערלאַך, און ס'ווייבעלע
גייען אויסגעפוצט אַנטיקעלע:
דורך אין אָנעטשקעס דאָס לייבעלע
און פאַרגאַרטעלט מיט אַ שטריקעלע...

נאָך ניקיטין.

איינג און פינסטער.

איינג און פינסטער, ווי אין קבר,
פון די וועגט עס גיסט ;
אין די ווינקלען דאָרטן שפינוועבס,
אין די ווינקלען מיסט.

טאָג און נאַכט געשפאַנט אין פּראַצע,
עסן טרוקן ברויט ;
קינדער נאַקעט, הוסטן, וויינען,—
אוי ! דו שווערע נויט !..

דחקות, פּיין דאָס גאַנצע לעבן,
שטאַרבן אָהן אַ צייט :
אוי, ווי לאַנג וועט איר עס דולדן,
אָרימע אַרבעטסלייט !..

די נייטערקעס.

אין אַ קליינעם שטיבעלע,
ביי אַ לאַנגן טיש,
זיצן דאָרטן מיידעלאַך,
דרייען מיט די פיס.

דרייען די מאַשינדעלאַך
פון דערפרי ביז נאַכט,
און אַזוי ווערט טויזנטווייז
העמדעלאַך געמאַכט.

העמדעלאַך, איר ווייסנקע,
זאָגט, וואָס זענט איר ווייס?
מיידעלאַך, איר שיינינקע,
זאָגט, וואָס זענט איר בלאַס?

העמדעלאַך און מיידעלאַך
ריידן נישט קיין וואָרט,
אויסער די מאַשינדעלאַך
הודזשען אימער פאָרט.

דושנע איז אין שטיבעלע,
אונטער שטעטל באַלד,

לויפט אַ פרישעס וועסערל,
שטייט אַ גרינער וואַלד.

און אין גרינעם וועלדעל
שפּילט דער שיינער מאַי,
בלאָזט אַ פרישעס ווינטעלע,
פליט אַרומעט פריי.

דאָרטן בליען בלימעלאַך,
בלומען אַלערליי,
פליגעלאַך פיל גאָלדענע
שושקן זיך מיט זיי.

אין די צווייגן פויגעלאַך
זינגען צוקער-זיס,
און דאָס פרישע וועסערל
פלעסקעט אונטער: ביס!

און דאָס קילע ווינטעלע
לויפט זיך פריי אַרום,
שפּילט זיך מיטן וועסערל,
שפּילט מיט יעדער בלום.

שפּילט מיט אַלע פייגעלאַך
פליגעלאַך אין גראָז:
דעם אַ גלעט דאָס קעפּעלע,
דעם גיט עס אַ בלאָז.

פּלוצלונג ווערט דעם ווינטעלע
אומעטיג אין וואַלד,

און אַהין צום שטיבעלע
לויפט עס אונטער באַלד.

גנב'עט זיך אין לעבעלע
שנעל אַריין פון לאָד,
רוימט איין יעדער מיידעלע
שטילערהייד אַ סוד:

„מיידעלע, דו בלייבינקע,
מיידעלע, דו מיין!
טאָג און נאַכט דו האָרעוועסט,
האָרעוועסט אין פּיין.

טאָג און נאַכט אין קלעמעניש—
ווי ווערט דיר נישט מיאוס?
לאָז צורו די הענטעלאַך,
לאָז צורו די פיס.

וואַרף אַוועק די העמדעלאַך,
שליידער די מאַשין!
דאָרט אין גרינעם וועלדעלע
קום מיט מיר אַהין...

דאָרט אין גרינעם וועלדעלע
בליט דער שיינער מאַי,
שפּילט און לאַכט די זונעלע
ליבליך און געטריי.

דאָרטן וועט דיין אייגעלע
שטראַלן מיט אַ גלאַנץ,

דיינע מאַטע פּיסעלאַך
הויבן זיך צום טאַנץ.

קום-זשע, פיינע מיידעלע,
קום מיט מיר באַנאַנד,
אין מיין שיינעם קעניגרייך,
אין מיין שיינעם לאַנד.״

„ווינטעלע, דו ליבינקער,
ווינטעלע, דו קלעק,—
ענטפערן די מיידעלאַך,—
גיי פון אונז אַוועק.

לאָזן די מאַשינדעלאַך
טאָרן מיר נישט, ניין,
און מיט דיר אין וועלדעלע
קענען מיר נישט גיין.

נישט פאַר אונז, אוי, נייטערקעס,
בליט דער שיינער מאַי,
נאָר אין אונזער לעצטער שעה
ווערן מיר ערשט פריי.

זעהסט דאָרט—אויפן פּאָליצע
ליגט פאַר אונז אַ באַרג
און די בעל-הבית-טעצקע
שטייט אונז איבער קאַרק.

גיי-זשע דיר אין וועלדעלע,
גיי פון אונז אַוועק,

ווינטעלע, דו ליבינקער.
ווינטעלע, דו קלעק."

און פאַרקלעמט און צאָרנדיג
לויפט אַרויס געשווינט
דורכן לאָך פון לעדל
זיפצנדיג דער ווינט.

דושנער ווערט אין שטיבעלע,
שטיל, מען הערט קיין וואָרט,
אויסער די מאַשינדעלאַך
הודושען אימער פאָרט...

ד. ראַקאָווער.

עס וואַרט נאָך גליק.

עס וואַרט, עס וואַרט אויף מיר נאָך גליק, מיין קינד.
איך ווייס, מיין קינדהייט איז געווען אַ שלעכטע.
עס מוז אַ שעה נאָך קומען אַ גערעכטע,
און דער, וואָס ליידט צוערשט, אָט דער, מיין קינד געווינט.

עס האָט מיין יונגן טאָג פאַרשלונגען די פאַבריק,
איך האָב געזעהן די זון דורך אַ פאַרשטויבטן פענסטער,

און ס׳האָבן אַרום מיר געדרייט זיך ווילד געשפּענסטער
פון אַרבעטער, מיט שנאה קאַלט אין בליק.

דאָך האָבן שטראַלן זיך געגעסטיגט אין מיין האַרץ,
געלויכטן האָט אין אומעט מיר אַ שטערן.
איך האָב געגלויבט און גלויב—עס וועט נאָך אַנדערש ווערן
און ווייס וועט ווערן דאָס, וואָס איז געווען שוואַרץ.

אין פעלד.

לאָמיר זיין אין פעלד
ביז באַגינען, קינד,
און זיך האַלזן הייס
און זיך טוליען איינג
אינם פרילינגווינט.

גיב-אַהער דיין האַנט,
דיינע ליפּן גיב.
אַך, ווי זיס דו ביזט!
ווי דו צינדסט מיך אָן!
כ׳האָב ביז טויט דיך ליב!

ס׳קוקט דיין אויג אין נאַכט
ליידנשאַפטלאַך בלינד.
דעק מיך צו מיט זיך,
גראָב זיך איין אין מיר,
האַלט זיך פעסטער, קינד.

ס'שווייגט איצט די פאַבריק,
ס'שווייגט די גאַנצע וועלט.
לאָמיר ליגן זיס,
לאָמיר ווערן איינס
אינם שוים פון פעלד.

טרייב-אַוועק די זאָרג,
טרויסל-אָפּ פון זיך
אַלע פּחדים, קינד.
איצטער לעבן צוויי:
ביידע, דו און איך...

עלבאָ.

געגן שונא

קומט אהער, איר אַרבעטס-מאַסן
אַהער צו אונזער רויטער פאָן
קומט אַהער, איר פעלקער, ראַסן,
פאַראייניגט אייך צו איין נאַציאָן!
און די געצן, און די געטער,
און די הייליג-אַלטע בלעטער
וואַרפט אַוועק! וואַרפט אַוועק!
מיר זיינען קינדער פון איין טאַטן,
טאָ לאָמיר אַלע נאָר צוזאַמען,
געגן שונה שטרייטן.

נאָר איר מוזט דאָך אַלע וויסן,
ווער דער שונא קאָן נאָר זיין,
וואָס ער טוט נאָר בלוט פאַרגיסן
און טרינקט אַליין פון בעסטן וויין;
דאָס זיינען אירע פאַבריקאַנטן,
דאָס זיינען סוחרים שפּעקולאַנטן,
און נאָך ווער און נאָך ווער!

— — — — — — — —

און די, וואָס פירן די קאָמאַנדע,
דאָס איז אונזער שונא!

קוקט אייך אים און זעהט אייער ברידער,
אונזער לאַגע גוט באַטראַכט:
ווי מיר ברעכן אונזערע גלידער
ביי דער אַרבעט טאָג און נאַכט,
דאָך גייען יונגע נאַקעט, באָרוועס,
דאָך גייען אַלטע מיט די טאָרבעס,
אַזויפיל, אַזויפיל!
ניין, מען טאָר נישט שטיין פון ווייטן,
מיר מוזן אַלע מוטיג שטרייטן,
געגן ווילדן שונא!

דער לעטישער אַרבעטער-מאַרש.

ווער בראָנעוועט און פּיטערט?
ווער אַקערט און ווער זייט?

ווער גראָבט און שאַרט די קוילן?
ווער האַמערט, שפּינט און נייט?
ווער שאַפט דעם רייכן אַלדאָס גוטס
און האָט קיין ברויט איינמאָל צוזאַט?
דאָס אַלץ איז דער אַרבעטסמאַן, דער פּראָלעטאַריאַט (ביס).

ווער האָרוועט טאָג-טעגליך?
פאַרגיסט זיין שווייס און בלוט?
ווער שאַפט מיליאָנען אוצרות
פאַר דעם, וואָס גאָרנישט טוט?
אויף וועמען רוט די גאַנצע וועלט?
ווער האָט קיין רעכט קיינמאָל געהאַט?
דאָס אַלץ איז דער אַרבעטסמאַן, דער פּראָלעטאַריאַט! (ביס).

ווער איז פאַר די טיראַנען
געוועזן אַ שטיצע לאַנג?
ווער האָט זיין בלוט פאַרגאָסן
און זעלבסט געווען אין צוואַנג?
ווער האָט אַליין געשמידט זיין קייט?
ווער איז געווען זיין אייגענער קאַט?
דאָס אַלץ איז דער אַרבעטסמאַן, דער פּראָלעטאַריאַט! (ביס).

ווער האָט זיך אויפגעהויבן?
ער וויל מער זיין קיין קנעכט?
ווער קעמפט איצט שטאָלץ און מוטיג
פאַר פרייהייט און רעכט?
אויף וועמענס זייט וועט זיין דער זיג?
ווער קעמפט מיט וואָרט, מיט גייסט, מיט טאַט?
דאָס אַלץ איז דער אַרבעטסמאַן, דער פּראָלעטאַריאַט. (ביס).

די שבועה.

ברידער און שוועסטער פון אַרבעט און נויט,
אַלע, וואָס זיינען צוזייט און צושפּרייט,—
צוזאַמען! צוזאַמען! די פאָנע איז גרייט!
זי פלאַטערט פון צאָרן, פון בלוט איז זי רויט!
צום שבועה! צום שבועה אויף לעבן און טויט!

הימל און ערד וועט אונז הערן!
עדות—די ליכטיגע שטערן!
אַ שבועה פון בלוט און פון טרערן!
מיר שווערן! מיר שווערן;

מיר שווערן צו קעמפן פאַר פרייהייט און רעכט
מיט אַלע טיראַנען און זייערע קנעכט.
מיר שווערן באַזיגן די פינסטערע נאַכט,
אָדער מיט העלדנמוט פאַלן אין שלאַכט!
הימל און ערד א. אַז. וו.

מיר שווערן צו היטן אַ בלוטיגן האַס
צו מערדער און רויבער פון אַרבעטערקלאַס.
. . . .
מיר שווערן, זיי אַלע פאַרניכטן, פאַרוויסטן!
הימל און ערד א. אַז. וו.

מיר שווערן צו פירן דעם הייליגן שטרייט,
ביז וואַנען די וועלט וועט נישט ווערן באַנייט!
קיין קבצן, קיין גביר, קיין הער און קיין שקלאַף!
גלייך זאָלן ווערן, ווער שטאַרק איז און שלאַף!
הימל און ערד א. אַז. וו.

מיר שווערן אַ טרייהייט אָהן גרענצן צום „בונד!"
נאָר ער קאָן די שקלאַפן באַפרייען אַצינד!
זיין פאָנע די רויטע איז הויך און איז ברייט!
מיר שווערן אים טרייהייט אויף לעבן און טויט!
הימל און ערד א. אַז. וו.

דער אינטערנאַציאָנאַל.

שטייט אויף, איר אַלע, ווער ווי שקלאַפן,
אין הונגער לעבן מוז און נויט!
דער גייסט—ער קאָכט, ער רופט צום וואַפן,
אין שלאַכט אונז פירן איז ער גרייט...

די וועלט פון גוואַלדטאַטן און ליידן
צושטערן וועלן מיר און דאַן—
פון פרייהייט, גלייכהייט אַ גן-עדן
באַשאַפן וועט דער אַרבעטסמאַן.
דאָס וועט זיין שוין דער לעצטער
און אַנטשיידענער שטרייט;

מיט דעם אינטערנאַציאָנאַל
שטייט אויף, איר אַרבעטסלייט!

ניין, קיינער וועט אונז נישט באַפרייען!
נישט גאָט אַליין און נישט קיין העלד—
מיט אונזער אייגענעם כּלי-זין
אַ רעטונג ברייגנען מיר אויף דער וועלט.

די גרויסע שטורם-טעג, זיי וועלן
נאָר פּאַר טיראַנען שרעקליך זיין,
זיי קאָנען אָבער נישט פאַרשטעלן
פון אונז די העלע זונענשיין.

דאָס וועט זיין שוין דער לעצטער
און אַנטשיידענער שטרייט;
מיט דעם אינטערנאַציאָנאַל
שטייט-אויף, איר אַרבעטסלייט!

דער אַרבעטסמאַן וועט זיין ממשלה
פאַרשפּרייטן אויף דער גאַנצער ערד.
און פּאַראַזיטן די מפּלה
באַקומען וועלן פון זיין שווערד.

אַראָפּ דעם יאָך! גענוג געליטן,
גענוג פאַרגאָסן בלוט און שוויס!
צובלאָזט דעם פייער, לאָמיר שמידן,
כּל-זמן דאָס אייזן איז נאָך הייס!

דאָס וועט שוין זיין דער לעצטער
און אַנטשיידענער שטרייט;

מיט דעם אינטערנאַציאָנאַל
שטייט אויף, איר אַרבעטסלייט!

די יוגנט-שבועה.

בלאָנדזשע מער נישט אינדערפינסטער
וואַנדער מער נישט אין דער נאַכט,
פריי און מונטער פאָרווערטס, ברודער,
ליכט און שווערד זאָל זיין דיין מאַכט.

נישט לאָז פון צווייפלען זיך באַהער
טויט דעם יאוש אין דיין ברוסט,
פריי און מוטיג פאָרווערטס, ברודער
ס'וועט דער קאַמף נישט זיין אומזיסט!

ס'וועט אַ העלע זון באַשיינען
און באַשטראַלן גלייך די ערד.
נאָר ביז דאַן זיי מוטיג, ברודער,
נישט פאַרלאָז פון האַנד דעם שווערד!

זאָל דער וועג זיין פול מיט שטיינער,
שרעק זיך ברודער, „יוגנט" ניט!
פאַר דער פרייהייט מוז מען קעמפן
ביז דעם לעצטן טראָפּן בלוט.

ווייטער זון־אונטערגאַנג

נעפּלען לייגן זיך אויס,
ווי אַ בלוטיקער שווייס
אויף דער טונקעלער ערד.
אָוונט־קלאַנג.
באַנגער גלאָקן גלין־גלאָן,
פון די ווייטקייטן, הערט,
קומט עס טרויעריק אָן,
ווי אַ כוואַליע געוויין,
ווי אַ קלאָג פון אַ שטאָט,
טאָן נאָך טאָן, טאָן נאָך טאָן,
יאָגט זיך אָן און פאַרגייט
און באַגלייט פון דעם קלאַנג,
אויפן נעפּליקן פּאָן
גייען לאַנג,
גייען באַנג,
גייען שטום,
צען מיליאָן.
איינער נאָכן צווייטן,
איינער נאָכן צווייטן,
אַ גראָע לויה פון טויטע...
די בלייכע געזיכטער
דערהויבן אַרויף,
די ליפּן פאַרמאַכט,
די אויגן שטאַר־אָפן,

גלייך בלינדע, וואָס ווייזן
דער וועלט זייער נאַכט,
גלייך טרוימענדע וואַנדלער
אין שלאָף.
שטיל גייען זיי, גייען זיי,
לאַנגזאַמען טראָט,
דעם איינזאַמען וועג
צו דעם גרויזאַמען גאָט
און צייכנען די וואָלקן
מיט בלוטיקן שפור.
און וויקלען אין טויטשרעק
די גאַנצע נאַטור.
אומענדלעך, אומענדלעך...
אַ ריי נאָך אַ ריי...
איין טויזנט און צוויי,
פינף טויזנט.
צען טויזנט.
הונדערט טויזנט.
געזיכטער...
געשטאַלטן...
חלומות...
מיליאָנען...
שונאים און פריינט.
אַלע פאַראייניט,
שטומע געפירט
פון דערזעלביקער האַנט.
אַלע צוגלייך
קערנער פון זאַמד,
שאָטן פון טויט
אינם טונקעלען לאַנד.

אָט שלייכט פאַר אייך פאַרביי,
אַ לוסטיקער פּראַנצויז.
אָ, שטילער, שווייגט.
ער איז שוין איצט נישט לוסטיק...
ווי פליטער נאָר
אַרום אַ טויטער רויז,
פאַלן אַרום אים
די יונגע טרוימען זיינע:
אַ לעצטער זונען־גלאַנץ
נאָך גוססט אין זיין בליק,
און ס'זינגען אַרום אים
פּאַריזער העלע גאַסן;
עס לאַכט דער קאַרנעוואַל,
עס יובלט די מוזק
און ס'וויגן זיך אין טאַנץ
הייס אויגיקע פּראַנצויזינס;
אַן אַלטער קאַשטאַן בליט...
אַ מיידלכל גליט...
אַ צאַרטע ברוסט...
אַ בליק...
אין לאַנגע נעכט פול לוסט,
און לאַנגע טעג פון גליק...

און דאָרט אין נעפלען, זעט,
אַ רוס אַ הויכער טרעט:
די אויגן בייגקענדע
אין בלאָען רוים.
אין ווייטע ווייטקייטן
צעלייגן זיך די פעלדער.
אַ ווייסינקע בעריאָזקע

פליסטערט, ווי אין טרוים;
אַ גייער וואַנדערט וואו
אויף ברייטע וועגן,
צווישן סאָסנעס גרינע
קלינגט אַ מאָנאַסטיר;
אַ פישער־ליד צעוויגט זיך,
שווימט פון וואָלגעס ברעגן;
און אונטער ווערבעס גראָע
אויף אַ שטיין געבויגן,
זיצט אָליענושקע
מיט טרויעריקע אויגן;
עס זינגט אַ דאָרפיש כאָר
און ציט און נאָגט, און מאָנט.
און ס'רוישט אַנ'אַלטער וואַלד
ביים ברעג פון האָריזאָנט...

אָט שטייגט אַ דייטשער דאָרף
צווישן בערגער גרינע:
די דעכער רויטלען זיך,
אין רו פון מיטאָגשיין;
גלייך ווי אַ וועכטער בליקט
דער טורם פון דער קירכע
אין מאַנטל איינגעהילט
פון גרינעם ווילדן וויין;
און אויף די טרעפ דאָרט שטייט
אַ שוועסטער צי אַ כלה
און היט דעם ברייטן וועג,
וואָס פירט אין דאָרף אַריין.
ווי אָרגלען דונערן
די כוואַליעס פונם נאָרדזע;

ווי האַרפן ציטערן
די וועלן פונם ריין;
ריטער שטאָלצע שטייגן
שטריינג פון אַלטע שלעסער;
עלפן לייכטע פירן
בלאָע פרילינגסטענץ;
קינדער־מעשהלעך
צעשיטן זיך אין קרענץ,
און פאַלן גלייך, ווי טויטע
בלומען אויף די בייטן
אָ, זעט, אין נאַכט פאַרגייט
איינער נאָכן צווייטן
פון דייטשן איינזאַמע
אַ טויט אומענדלעך קייט...

אָט ציען פאַרביי אייך
אין פעסקעס און טורבאַנען:
אינדיער, טערקן, נעגרעס און זואַוון.
אויף וויסטע הייסע זאַמדן
דאָרט קלאָגן וואו אויף זיי
שוואַרצאויגיקע צולייקעס;
עס וואַרטן לאָטאָסקרענץ
אויפן גאַנגעס שטילע פרויען;
און ס׳גייען אויס ווי ליכט,
אונטער די שווערע שלייערס.
פאַרביינקטע ווייבער וואו
אין איינזאַמע האַרעמען,
און ס׳שלייכן טרויעריק
די אומגעטרייסטע מאַמעס
צווישן טונקעלע

און שטאַרע קיפּאַריסן...
אָ, וויפיל חופות
וואָלטן זיך אין לופט צעשפרייט!
און וויפיל פעלדער וואָלט
דאָס לעבן נאָך פאַרזייט.
אָ, וויפיל קינדער וואָלטן
נאָך געבוירן ווערן,
אייניקלעך, אוראייניקלעך,
און וויפיל וואָלטן נאָך
דער זון באַגריסט.
און, גליקלעכע, צו איר
פאַרליבטע הענט געצויגן!
אויגן טויזנטער
וואָלטן איר גאָלד געזויגן
און נאָכדעם ביינקנדיק
אין זייד געטרוימט.
און גאָט געזוכט ביים שיין
פון גרויסע, ווייטע שטערן,
דאָרט אין די טיפע, בלויע,
מזרחדיקע נעכט...

פון שטאָלצן אַלטן רוים,
פון נעפּלדיקן לאָנדאָן,
פון דעלהי און באָמביי,
פון די סיבירער טייגעס,
אַראַבישע מדבריות—
עס קומט!
עס גייט?
עס נעמט קיין סוף ניט אָן!
אומענדלאַך ציען זיך

די צען מיליאָן.

צען מיליאָן...
זיי שוועבן, זיי שוועבן
איינער נאָכן צווייטן,
אַ טויטער נאָך אַ טויטן,
אַ טויטער נאָך אַ טויטן,
ווי בלאַסליכע נעפּלען
אויף הערבסטיקע פעלדער...
קיין קלאַנג,
און קיין טראָט,
און קיין שטים.
און קיין ריר,
נאָר פּנימער,
קעפּ,
און געשטאַלטן אָן אַ שיעור...
און ס'בליקן די אויגן
ווי שרעקלעכע ליכטער,
און מאָנען און ברענען...
אָ, דעקט צו די טויטע!
פאַרהיינגט די געזיכטער!
מיר קענען נאָך נאָנטע
און ליבע דערקענען.
באַהאַלט זיי אין שוואַרצע,
אין קילע ארונות —
דאָס זיינען מיליאָנען
פאַרגליווערטע מתים,
און לאָזט אָט די גרויסע,
די שוואַרצע לויה
דורכציען דער וועלט.
מהגבות גראָע קראָען

ווע̄לן זיך צעשפרייטן
און איבער אונזערע קעפּ
דאָס ליד פון שלאַכט־פעלד קרעכצן.
די גייער וועלן כליפּען,
שאַקאַלן וועלן וויינען;
נאָר שטום ביי יעדן ארון
פון ביידע זייטן גיין
וועלן דעם טויטנס פריינט,
און נאָנטע און בעקאַנטע.
דעם גאַנצן ערדקוגל,
ווי שוואַרצע לאַנגע בענדער,
פאַרוויקלען וועלן זיי
די שורות פון ארונות.
און פוסט וועט ווערן, וויסט
אין אַלע שטעט און דערפער —
די גאַנצע מענטשהייט
וועט דאַן נאָכגיין דער לויה,
ווייל יעדעס שטיבל האָט
אַ טויטן אין דער ריי...

אָ, ווען מען וואָלט געקענט
דאָס גאַנצע בלוט פאַרזאַמלען,
דאָס בלוט פון צען מיליאָן
אין איין פאַרשאָלטן ים,
און אויסבויען ביים ברעג
פון איינזאַמע מצבות
אַ שטילע, שטילע שטאָט
פון פינסטערע פּאַלאַצן,
און דאָרט אַריינזעצן

די אַלע קריגספאַרברעכער,
די הענקער פון דער וועלט,
געזאַלבטע קינדער־מערדער,
געוואוילטע פרויען־שענדער,
וואָס האָבן פייערלאַך
אין פורפורנע געווענדער,
צוטראָגן האַס און מאָרד
אויף אַלע שטילע לענדער!
אָ, זאָלן זיי זיך דאָרט
אין דעם פאַרשאָלטן ים
טאָג־טעגלאַך דריי מאָל באָדן;
אפשר וועט די שרעק,
די רויטע שרעק פון טויט
כאָטש איינמאָל זייער האַרץ
מיט קאַלטן אייז באַלאָדן.

אָ, ווען מען וואָלט געקאָנט
צונויפקלייבן די קעפ
פון אַלע צען מיליאָן,
און אויסבויען פון זיי
אַ שוידערלאַכן טעמפל,
און דאָרט אַריינזעצן
די פריסטער פון דער וועלט,
וואָס האָבן טויט געבעטן,
און יעדע שלאַכט געבענטשט
און יעדן מאָרד געהייליקט,
און, שטייגנדיק צו גאָט,
אויף לייבער פרום געטראָטן.
אָ, זאָלן זיי דאָרט שטיל
דעם גאָט פון שחיטות דינען

און קוקן טאָג ווי נאַכט
די שאַרבענס אין די לעכער!
אָ, אפשר וואָלט די שרעק,
די שוואַרצע שרעק פון טויט
כאָטש איינמאָל זיי אין האַרץ
מיט נעגל קאַלט געדרונגען.

אָ, ווען מען וואָלט געקאָנט
פאַראייניקן צוזאַמען
פון אַלע צען מיליאָן
דעם לעצטן ווײ־געשריי,
דאָס קריצן פון די ציין,
דאָס יאָמערן און בעטן
פון די, וואָס ס'האָט צעפליקט
דער גיהנמדיקער פלאַם;
פון גאַזן־גיפט דערשטיקט
און לעבעדיק פאַרשאָטן,
פון מענטשן־הענט צעהאַקט,
פון פערדן־פיס צעטראָטן,
פון די, וואָס האָבן לאַנג
געזוּנקען אינם שליים,
ביז ס'האָט דער שוואַרצער שליים
זיי קאַלט דעם האַלדז פאַרגאָסן,
און צוגעדעקט מיט שמוץ
דעם לעצטן גסיסה־רוף!
וואָס פאַר אַ שטורמווינט
עס וואָלט דאַן אויסגעבראָכן!
וואָס פאַר אַ אוראַגאַן
וואָלט אויפגעשטאַנען דאַן!
עס וואָלט דעם הימל הויך

צעריסן גלייך ווי פּאַרמעט,
און אָפּגעווישט פון דר׳ערד
די קרעציק אַלטע וועלט.

די טויטע שטייען אויף.

די גלאָקן שלאָגן שטורם.
דער אָוונטהימל ברענט.
די ברעגן טריפן בלוט.
דער דונער קנאַלט.
גלייך ווי אַ שטויב צום הימל
שטייגן זיילן רויך
און וואָלקנס קייקלען זיך
אין פלאַמען אויפן באָדן,
און טורעמס טראָגן זיך,
ווי בלעטער אין דער הויך.
דאָס ציט זיך ניט פאַרביי
קיין שוואַרצע וועלט-לויה!
מען טראָגט קיין מתים ניט
פאַר אייך אין שטיל געוויין!
דאָס שוועבן צען מיליאָן
צעיאָגטע רויטע אָדלער,
ווי פלאַמענדיקע וואָלקן
אויפגעקנוילט געדיכט.
דאָס שוועבן צען מיליאָן,
דערוואַכטע קברים-ברידער,
ווי ראַכע-באַטאַליאָנען
צו דעם וועלט-געריכט.
דאָס שוועבן צען מיליאָן
אַ שרעקלעך חוב צו מאָנען,

אַ חוב פון בלוט און פליישׁ
און העלע יונגע יאָרן.
ווי גרויס דאַרף זיין דער האַס,
ווי שטורעמדיק דער צאָרן,
געטורעמט הויך אין בערג,
ווי אַ צעיאָגטער ים!
ווי שוידערלעך די שטראָף,
ווי הערלעך די נקמה,
וואָס פלאַקערט איבער זיי,
גלייך ווי אַ הייליקער פלאַם!

האַלבע נאַכט.

פעלד און ווינט.
וואָלקנס ציען,
גלייך ווי מחנות פייגל בלינד.
וויסטע ווייטן.
זאַמדיקע בערגלעך.
טויטע שטעט אויף טויזנט מייל.
אויסגעשפרייט אויף אַלע זייטן,
לאַגערט אַ מיליאָנען־חיל.
ניט קיין אָטעם, ניט קיין וואָרט,
ניט געשלאָפן, ניט געוואַכט,
יעדער זעלנער אויף זיין אָרט
שטאַרט און וואַרט די האַלבע נאַכט.
האַלבע נאַכט.
די ווייטן ברומען—
עס האָט די שעה געשלאָגן באַנג.
האַלבע נאַכט... אין תהום אין שטומען
פאַלט אַן עכאָ פון אַ קלאַנג:
וויגט זיך אום,

וויגט זיך אום,
ווי אַ לעצטער לייבן־ברום,
הויבט זיך אויף און פאַלט אַנידער.
וועקט און שרעקט דאָס פעלד אַרום;
עפנט אויף די שטילע גריבער,
דרינגט אַריינעט אומעטום.
שאַלט אין שוואַרצן קבר שווייגן,
טרייסלט אויף די טויטע ביינער,
און די מתים נעמען שטייגן,
ווי די קראָטן
פון די שטיינער,
ווי די שאָטן
פון די קברים.
קומען אָן פון אַלע זייטן:
ווער צופוס און ווער צו רייטן
אויף זיין טויטן ביינערפערד,
ווער עס טראָגט דעם קאָפּ אין אָרעם,
ווער אין ברוסט אַ טעמפּן שווערד.
ווי די גרעזער פון דער ערד,
וואַקסן זיי געדיכט, געדיכטער,
אַלץ דיזעלביקע געזיכטער:
ווייסע קנאָכן, שוואַרצע לעכער,
איינער ענלאַך צו דעם צווייטן,
ווי אַ שאַרבן צו אַ שאַרבן
ווי אַ טויטער צו אַ טויטן.
גלייך, ווי קנוילן, קנוילן פליגן
אין אַ הייסן שווערן טאָג,
הויבן זיי זיך אויף און וויגן,
לאָזן זיך צוריק אַראָפּ,
זאַמלען אויף זיך און צעשפּרייטן,

פילן אָן דעם גאַנצן רוים,
קייקלען זיך אין אַלע גאַסן,
שטייען אונטער אַלע פענסטער,
קנאַקן מיט די האַרטע ביינער
יעדן שלאָפיקן אין טרוים.
טריק־טראַק, טריק־טראַק...
און די ליידיקע קאַפּייען,
אין די קירכן און שפּיטעלער,
אין פאַבריקן און געשעפטן,
אין די שולען און געריכטן,
נאַכט־אַזילן, טאַנצן־זאַלן,
פרויענהייזער, וויין־לאָקאַלן,
אומעטום אין אַלע ווינקלען
גייט דער מתים־קאַראַהאָד,
שפּרייט מיט גראָע אומעט־נעצן,
קברים־לופט און גסיסה־יאוש,
מידיקייט פון טויטע גלידער
און דעם פוסטן שאַרבן־שפּאָט.
טריק־טראַק, טריק־טראַק...
אויף די טרעפּ און אין די שטיבער
טאַנצן געסט פון קאַלטע גריבער,
טאַנצן געסט פון שוואַרצן סוד.
ווער עס האָט אַ טויטן חתן,
ווער אַ טאַטן, ווער אַ מאַן,
אַלע, אַלע, וועלכע טראָגן
אויף די פּלייצעס קברים־לאַסט —
יעדן, יעדן ז׳ינדערפינסטער
וויגט זיך אויף די טרעפּ זיין גאַסט.
טריק־טראַק, טריק־טראַק...
אויסגעלאָשן אַלע פלאַמען!

נישט קיין ראַבֿע, נישט קיין שטראָף,
איבער אַלעמען צוזאַמען
מתים־טאַנץ און וויסטער שלאָף.
ביז דער טאָג וועט קומען ווידער,
קנאַקן טויט די האַרטע גלידער
און עס קלינגט דאָס טויטן־ליד:

„טריק־טראַק, טריק־טראַק...
ווער גייט שנעל אין קאַראַהאַד?
איינער איז ביי אונז נישטאָ!
אַלעס ענדיקט זיך אויף גראָד:
נומער טויזנט, טויזנט צען,
הונדערט טויזנט און מיליאָן.“

„טריק־טראַק, טריק־טראַק...
נעמט זיך אַלע פאַר די הענט!
ווער עס האָט זיי,
און ווער ניט —
דער זאָל טאַנצן אין דער מיט.
רעגימענט ביי רעגימענט!
באַטאַליאָן ביי באַטאַליאָן!“

„טריק־טראַק, טריק־טראַק...
פרעגט נישט קיינעם, ווער ער איז,
פריינט, צי שונא, אָרים, רייך —
אַלע זיינען ביי אונז גלייך:
קיינער האָט זיין גרוב געוויילט
און די וואונדן נישט געציילט.
קברים־ברידער זיינען מיר,
נומערן, וואָס קיינער קאָן.“

„טריק־טראַק, טריק־טראַק...
קנאַקט די ביינער אינם טאַנץ!
מיט אַ קאָפּ, צי אָן אַ קאָפּ —
פּאַרן טויט איז אַלעס גאַנץ.
העי, קאַפּעליע, גיט דעם טאָן,
הויבט דעם טויטן ניגון אָן!"

„איר, די קריצער פון די ציין,
איר, די ווערגער פון געוויין,
כאָרכלער אינם אייגן בלוט,
יאָמער אין דער לעצט־מינוט,
פויסטן־פויק און ווײ־געשריי —
שטעלט זיך אַלע אין איין ריי!
ווער אַ מוטערקלאָג עס קאָן,
זאָל זיך שטעלן אויבן אָן!"

„טריק־טראַק, טריק־טראַק...
שנעלער, איבער שטאָט און דאָרף,
איבער וואַלד און איבער פעלד.
אונזער טאַנץ־זאַל איז די וועלט!
העי, מאַכט ברייטער ברייט די ראָד,
ביז עס קרייט דער רויטער האָן!"